סוף־חודש זונטאגס

**בן אורי,** 14 פּאָרטמאַן סטריט, וו.1.

זונטאג, דעם 30־סטן מאַי, 8 אַזייגער

**אברהם רייזינס ערשטער יארצייט**

עס וועלן רעדן: שלמה אויערבאַך און י. ביעטש

לייענען און רעציטירן: זעליג עפּעלבוים, נעט רובין.

זינגען רייזינס לידער — רבקה היישעריק.

פאָריזץ: א. נ. שטענצל.

---

**פריינט פון יידיש לשון און דער יידישער „רידינג־רום"**

זונטאג, דעם 23־סטן מאַי, 3 אַזייגער, אין אַדלער האַל, אַדלער סטריט, א.1.

**א פייערלעכער קבלת פּנים**

פאַר דער חברים־גרופּע פון גרענד פּאַלעי טעאַטער צום אָפּשלוס פונם סעזאָן.
אַלע זיינען געבעטן צו קומען באַערן אונזער באַליבטע לאָנדאָנער אַקטיאָרן.

א י י נ ט ר י ט  פ ר י י

---

אַ גרויסער, שפּאַנענדער ראָמאַן

פון יוסף פּערלשטיין

א. נ.

**„ש ט ו ר מ י ש ע  ו ו ע ג ן"**

ווערט צוגעגרייט צום דרוק.

דער ראָמאַן נעמט אַרום די תקופה פון פאַרמלחמה׳דיקן יידישן לעבן אין פוילן און בעת דעם לעצטן קריג אין רוסלאַנד, פוילן און אין די שארית־הפליטה׳לאַגערן אין עסטרייך ביז אין מדינת ישראל.

דער ראָמאַן איז באַזירט אויף אומגעוויינלעכע עפּיזאָדן און פּאַסירונגען פון וואָס דער מחבר איז אַ לעבעדיקער עדות.

---


**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10



*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*


# לשון און לעבן

## חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור


נומער 6 (העפט 173) פופצנטער יאָרגאַנג יוני 1954 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


אַ שטורעם אין מיים־אחרונים־גלעזל ...... ** 1
פרילינג־ליד, קום די טיר מאַך אויף (לידער) ...... רבקה קאָפּע 4
פרילינג אין גאָרטן (ליד) ...... ש. זאַלקין 5
פרילינג־רוף (ליד) ...... בן־א. סאָכאַטשעווסקי 6
די איינזאַמקייט (פּאָעמע) ...... יוסף הלל לעווי 7
אסתר קרייטמאַן (צייכנונג) ...... ה. שריפטגיסער 8
קדיש מיין מוטער אסתר קרייטמאַן ...... משה קרייטמאַן (מאָריס קאַר) 8
מיניאַטורן: 1. די פלאַנץ אויף מיין פענסטער; 2. דער אַלטער בית־עולם;
3. דער לעצטער טאָג אין מאַי; 4. דער טויט פון אַ קאַץ ...... רחל מירסקי 11
דאָס זומער פייגעלע אין ווייטשעפּל, די באַלאַדע פון די דריי טויבן, אַ
מאַלפּעלע אין אַ שויך־פענסטער (לידער) ...... א. נ. שטענצל 16
מיין געבוירנטאָג, צו מיין מוזע (לידער) ...... שמואל ווהייט 19
דער דיכטער נחום באָמזע (עסיי) ...... י. א. ליסקי 20
פּראָפעסאָר דר. זעליג בראָדעצקי (פאָטאָ) ...... 26
צו די שלושים פון פּראָפ. זעליג בראָדעצקי ז״ל (עסיי) ...... אהרן ר. ראַלין 26
די נייע שוישפּילערין חיהלע שיפער אין גרענד פּאַליי ...... קיטי בראון 32
צוויי באַריכטן ...... נעט רובין 32
די יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ...... 32



**פרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אַבאָנענט־פּרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: —

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

## די שרייבערין אסתר קרייטמאַן ע״ה

מיטן פּלוצלינגען טויט פון די באַקאַנטע שרייבערין אסתר קרייטמאַן האָט די שרייבער משפּחה אין לאָנדאָן געליטן אַ גרויסע אבידה. אונזער טיפן מיטלייד צו איר מאַן און זון אין לאָנדאָן און איר ברודער יצחק באַשעוויס אין ניו יאָרק.

די רעדאַקציע „לשון און לעבן“.

## טרויער אויסדרוק

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל דער משפּחה **קרייטמאַן** און איר ברודער יצחק באַשעוויס צו דעם פּלוצלינגען טויט פון אונזער מיטגליד, די שריפטשטעלערין **אסתר קרייטמאַן ע״ה.**

יידישער זשורנאַליסטן און
ליטעראַטן־פאַראיין אין לאָנדאָן.

איך דריק אויס מיין טיפסטן טרויער צו אברהם און מאָריס קרייטמאַן מיט דעם אונערזעצלעכן פאַרלוסט וואָס זיי האָבן געליטן דורך דעם טויט פון זייער פרוי און מוטער, די באַוווסטע שריפשטעלערין **אסתר קרייטמאַן.** זאָלן זיי זיין געטרייסט מיט אירע ווערק וועלכע זי האָט איבערגעלאָזן, און די גרויסע צאָל פריינט אין דער שרייבער־משפּחה, וועלכע וועלן זי אייביק געדענקן צום גוטן.

קייטי בראון.

אַלע שרייבער קאָלעגן, פריינט און פאַרערער פון דער שרייבערין אסתר קרייטמאַן ע״ה טרעפן זיך שבת, דעם 3־טן יולי, 3 אַזייגער, אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בער סטריט, א.1., ווו די „פריינט פון יידיש לשון“ אָרדענען איין אַ געדענק אָוונט. עס וועלן ריידן שרייבער איבער אסתר קרייטמאַן און איר שרייבן. רעציטאַטאָרן וועלן לייענען פון אירע ווערק. קומט אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד.


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 6 (העפט 273) פופצענטער יאָרגאַנג יוני 1954 לאָנדאָן


## אַ שטורעם אין מים־אחרונים־גלעזל

אַ טומל, אַ רעש, אַ געפילדער: די אגודה האָלט אָפּ דעם חודש אין ירושלים איר קאָנגרעס. איז מהיכא תיתי, זאָל מען פילדערן, זאָל מען רוישן, זאָל עס הילכן איבער אַלע ש״י־עולמות און זיך טון אויף טישן און אויף בענק; איז דאָך אויך די תורה געגעבן געוואָרן בקולות וברקים.

און פירן זיי דען נישט גרויס־פּאָליטיק, אינטערנאַציאָנאַלע דיפּלאָמאַטיע מיט פּראָפּאַגאַנדע דירעקטאָרן, מיט גענעראַל־סעקרעטאָרן, מיט פּראַקטישע פראַקציע־פּאָליטיקער אין כנסת אין ישראל און מיט קונציקע קולוואַרן־קריכער אין די גויאישע פּאַרלאַמענטן אין אַלע לענדער, מיט הכל־בכל־מכל־פלעקל?

כאָטש קשה אַ ביסל איז עס דאָך: כדי אַ ייד זאָל אַריינכאַפּן אַ כשרן „אשר יצר“ נאָך נקיות, זיך וואַשן מיט נעגל־וואַסער און מים־אחרונים זאָלן נויטיק זיין די אַלע ככל־הגויים מנהגים, די אַלע מעכאַנאַציעס בכל פרטיהם ודקדוקיהם?

זאָלן זיך שוין אפילו אַרומדרייען חששן און חשדים, אַז יאַקבי, אַ יידישע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געוואַלגערט און געכאַפּט שיריים אין גער אונטערן טיש, תורה געלערנט פון רבי סאַמסאָן רפאל הירש אַליין, זאָל לויפן דורך הינטער־טירן מיט מסירות צו גויים?

נאָר, מילא, מיר לעבן דאָך אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין דער האָרשפּאַלטענדיקער, שיצאָפרעניעדיקער אַטאָם־עפּאָכע, און מיר פאַרשטייען נישט אַ סך זאַכן, פאַרשטייען מיר דאָס אויך נישט.

אָבער אַז אַזאַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע ווי די אגודה, וואָס איז געבויט אַזוי על טהרת־הקודש פון מאָדערנע דיפּלאָמאַטיע, שיקט אַרויס פון איר פּאָליטישן הויפּט אָפיס און צענטראַל אייראָפּעאישן ביוראָ אַ צירקולאַר אין הויך־דויטש צו אירע מיטגלידער, די „אויסגעקליבענע“ דעלעגאַטן וואָס פאָרן צו דעם קאָנגרעס קיין ירושלים, מכוח די פאָר־קאָנפערענצן אויפן וועג ביז ישראל און מכוח די עיקר־ענינים פונם קאָנגרעס אין ירושלים עיר הקודש — דאָס איז קלאָר און פאַרשטענדלעך!

אַזאַ ביוראָקראַטישע האַנדלונג, אַזוי חוצפּהדיק שענדלעך, פון אַ „טאורא“ פּאַרטיי ברויך מען ערשט נישט תלמיד־חכמדיק צו קנייטשן דעם שטערן כדי זי צו קענען פאַרטייטשן מיט ע״ב פּירושים און מיט אַ וד״ל פון אַ דרייענדיק גראָבן פינגער, צי מיט גלאַטיק פאַרבייסן אַ כשר קמץ־בערדל, אַזאַ שענדלעכע האַנדלונג פאַרשטייט זיך זער לייכט און פּראָסט און פשוט.

די אגודה־פאַרטיי מיט אירע תורה־אינסטיטוציעס און תלמוד־„קאַלעדזשעס“, מיט אירע שלומי־אמוני־„פראַקציעס“ און חרדים־ און יראים־„צענטראַליזאַציעס“, דערציאונגס־„פעדאַגאָגיומס“ און בנות־„אינטערנאַטן“ וגו׳ וכו׳ עטצעטראַ „אונד־זאָ־ווייטער“ — ווער האָט אַזוי פיל פינגער אויף די הענט און די פיס די אַלע גענזל־פיסלדיקע עקזיסטירנדיקע אגודה־מוסדות אויסצורעכענען, און ווער האָט ערשט אַזאַ קאָפּ די אַלע בריוו־קעפּלעך צו געדענקען מיט וועלכע אגודה שליחים טראָגן זיך מיט זיי אַרום אין די טאַשן.

און אָט־אָ, כדי אויסצוהאַלטן דאָס אַלץ, כדי דעם שווערן תורה־עול צו קענען טראָגן, האָט מען זיך צוגעכאַפּט מיטן גאַנצן ברען צום „רעפּאַראַציע־פאָנד“ — זייערע פאָליט־ביוראָ־טעאָרעטיקער וואָס ווייסן ווי צו מעלקן אַ פרה־אדומה, וואָס איז מטהר טמאים און מטמא טהורים, ווייסן אויך גאַנץ נישקשהדיק ווי אַרומצוגיין און אַרומצוטאַנצן אַרום גלאַט כשרן עגל הזהב.

ישראל־קאָמיסאַרן אין דייטשלאַנד, אָט האַלט עס שוין ביי דייטשע קאָנסולאַטן אין ישראל — ממש מען זשאָבט! — דאָס האַרץ ווערט אויפגעפרעסן פון פאָליטישע פאַרטיי־קנאה: דיפלאָמאַטן־שטעלעס, ביזנעס, ממון און דמים, דאָס לעבן עקט זיך —

אַז וואָס מישטיינסגעזאָגט, וואָסער סטראַטעגיש פאָליטישע גרויס־טאָט קאָן שוין איצט אַ פאַרטיי ווי די אגודה אויפטון? פירן אויסטויש־האַנדל מיט דייטשע ציצית און מזוזות, מיט באָנער מצה־שמורה, מיט קעלענער שמעקעדיקן מים שלנו וואַסער, מיט פראַנקפורטער כשר־סם און סאַמעט־קאָפּעלעך, מיט די שווער־אינדוסטריע פון רהיינלאַנד פאַר חלפים און מוהל־מעסערלעך?

די וויכטיקע סחורה, וואָס איז עובר לסוחר, האָט דאָך שוין די ישראל־מלוכה פאַרכאַפּט!

איז ווי אַזוי און מיט וואָס קאָן מען אַרויסווייזן דייטש־יידישע פאַרברידערונג, מחילה־געפילן, גלאַט־קאָושערע, היתר־מאה־רבנימדיקע, פריזבולדיקע, היתר־עיסקאַדיקע, אויב נישט מיט שיקן אַזעלכע דייטשע ליבע בריוועלעך, אַזעלכע חתונה־איינלאַדונגען צו זייער כנסיה־גדולה אין „יערוסאַלעם“?

ביי זיי, ביי די רעליגיעזע פאָליטיק־פירער, איז, אַז חזיר זאָל עס רינען איבער די באָרד, און אַז קריכן פאַרן פריץ, איז אויף אַלע פיר און ווי אין פסוק שטייט: „על גחונך תלך“.

און אויב מען האַלט שוין ביי סעודות מצוהלעך און מען זיצט שוין אַרום די פולע שיסלעך און מען זינגט שוין דעם „מה יפית“ מיטן קנאַק, איז ווער נאָך אַזעלכע בריות ווי זיי? דער מה יפית ליגט זיי שוין אין בלוט, עס איז שוין ביי זיי ירושה, טראַדיציע — „מעשי אבות ירשו בנים“!

און מיט דעם אַלעם מיינען מיר נישט חלילה די אמתע פרומע יידן, די עכטע יידישלעכע, — דער חוט־השדרה פונם יידנטום! — נאָר די פאָליטיקער זייערע, די ראשי בריונים זייערע, די פאָליטיקאַנען און געשווירענע שתדלנים זייערע, די „טאוראַ געטרייע“ — זייערע כפל־שמונהדיקע ר׳ מאָשקעס!

און נאַטירלעך אַז אויך אמתע תלמידי־חכמים און פרומע תמימים ווערן



מיט־פאַרשלעפּט, ווען מתן־בסתר־סובסידיעלעך ווערן פאַרטיילט פאַר אַזאַ רעליגיעזע עקספּעדיציע. און נישט ווייניק סתם קאַטשעלאָפּעס און שטיבל־שקצים און בית־מדרש פאָליטיקער ווערן מיטגענומען „נאַדראַנזשיק“ כדי דער „גיוס“־הרבנים זאָל אויסזען מלחמה־קעמפערישער, אימפּאָזאַנט־העלדישער.

די טראַנזאַקציעס פאַר די מלחמה־פאָנדן זיינען מסתם שוין פונם רעפּאַראַציעס פאָנד, פאַראויסשוסן האַנטגעלדער און נאַדרויפן אויף די האָנאָראַרן פאַר די „האַלאַכע“־ליטעראַטור „פּילפּוליסטיק־פּעריאָדיקלס“ וואָס ווערט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן פאַר די אתנן זונה געלדער פון די דייטשע נאַציס.

פון די בלויזע הויך־דויטשע איינלאַדונגען צו דער יערוזאַלעם־עקספּעדיציע קאָן מען זיך שוין לייכט פאָרשטעלן די קול ענות געשרייען אויף דעם אגודה־קאָנגרעס אין ירושלים — דעם שטורעם אין דעם גלעזל מים־אחרונים וואַסער.

וואָס, אונזער מיניסטער־קאָפּ מיט אַ האַלאַכע־קולטיווירטער הדרת־פנים באָרד זאָל נישט אַריין צוריק אין קאַבינעט — ריסעס וועט זיך טון! מ׳וועט נישט לאָזן אויסנעמען, מ׳וועט מעכב זיין די קריאה, און שטייט דען נישט בפירוש געשריבן, אַז רינען זאָל עס רינען איבער אַ באָרד“.

און באמת, דאָס האַרץ קאָן דאָך חלילה פּלאַצן צוצוקוקן זיך צו די אַלע כשרע און טריפענע פאָנדן, אַפילו און באָן פאַרקויפס און זיי זאָלן שטיין פון ווייטנס, און כאַפּן בלויז דעם שיריים, די ביינדלעך וואָס פאַלן אַראָפּ פונם טיש — —

פון די צוגעוואָרפענע ביינדלעך פאַר „האַלאַכע“־„ווערקע“ אויסגאַבעס וכו׳ וגו׳, עטצעטראַ „אונד־זאָ־ווייטער“. קאָן מען נאָך נישט אויסבויען קיין לוקסוס־ווילעס ביי כנרת און אויף כרמל, אין די הרי־יהודה וועיערוזאַלעם.

ביז בלוט ממש זיך צו רייסן ביי אייגענע באָרד און פאות: אויב חדר־מתוקן־לערער און מנהלים קאָנען דאָס ווערן אַזעלכע וואַזשנע וועלט־באַרימטע פאָליטיקער און מלוכה־מענער; אַזעלכע הויכע פקידים, טשאַקעדיקע, קנאַקעדיקע און גאָלדן־קנעפּלדיקע, על אחת כמה וכמה מיר אַזעלכע גרויסע גמרא מיט תוספות מלמדים און ישיבה־משגיחים, שאַרף־קעפּלדיקע — ס׳איז דאָך אַ קל־וחומר ובן־בנו של קל־וחומר! און אויב שמעלקעס מיט די דייטשן ייינען מיר דאָך די אמתע רבי רב שמעלקעס — —

עס וועט זיך דאָרטן טון אויף טישן און אויף בענק! אוי וועט מען דאָרטן כאַפּן שיריים און אָפּלעקן ביינדלעך און נישט נאָר פון די רבישע שיסלען...

און באמת, די אגודה־דיפּלאָמאַטן האָבן אַרויסגעוויזן זייער ווייטן קוק און פאָליטישע רייפקייט מיט די הויך־דויטשע איינלאַדונגען צו זייער קאָנגרעס (כנסיה גדולה בלע״ז) קיין „יערוזאַלעם“. וואָרים נישט נאָר בלויז אין מחילה געפילן, במחילה, גייט עס שוין איצט, צי אין נאַצישן „מחיר־כלב קליין־געלד, עס גייט שוין אַצינד אין פיל גרעסערע זאַכן — אין דייטשלאַנדס „וויעדער־באַוואפנונג“! און זיי די פראַנקפורטער אגודה־מנהגים, די אַלטע „הויף־יודן“, זיינען ווידער אויפן פערד און זיי האָבן „דעם פאָגעל אָבגעשאָסן“...

**רבקה קאָפּע** (פּאַריז)

## פּרילינג ליד

ס׳האַרץ פון פרילינג קלאַפּט אין מיר אַריין,
נעמען אין באַשאַף צוויי הערצער אין מיר גיין.
רייסט אַ פרילינג־פייער זיך פון מיינע פּאָרעס,
ווי זאַפטן פון דער ליפּן־נעץ פון בוימער־קאָרעס.
פראַל איך טירן אויף צו ברייטע דרויסנס,
ווייל ס׳וויל מיין פרייד אין מיר אַליין ניט הויזן;
עס דאַרף מיין פרייד אויסשפּרייטן וועלטן נייע,
פליסן איבער טעג, ווי קוואַלן אויפגעטאַיעט.
ס׳דאַרף פעלדער פרידלעכע מיט אַקערס און מיט זאָמען,
אַ זאַטע ברכה אין דער לענג און ברייט זאַל שראמען.

אַזוי פרילינגדיק צעפּייערט מיט געזאַנגען,
צום מענטשן גלייך אין האַרץ אַריין דערלאַנגען.

### קום די טיר מאַך אויף

ליבסטער מיין,
שיטנדיקע פליטערס פון מיין פרייד!
די טיר מאַך אויף
און קום אַריין.
אַ טרער פאַרפלייצט דאָס שיפל פון מיין אויג,
וואָס לאָקט צום ברעג,
צו דיר,
אינזל פון מיין רו.
קום, די טיר מאַך אויף
און קום אַריין.

כ׳זע דיין אָפּבילד דורך אַ טרער,
גאָלדנרעגנבויגן איבער מיין געמיט.
ליבסטער מיין,
גלאַנץ־פּאָן פון מיין ליד.
דיינע הענט
ווי ליכט־זיילן
וועקן גוטסקייט אין מיר אויף.
און גרייט בין איך,
אַראָפּציען פון הימל־פעלד פאַר דיר,
אַ ציטערדיקן שטערן־שטויב,
אַ „פאַרגעס־מיך־ניט“.



ליבסטער מיין,
די טיר מאַך אויף
און קום אַריין.

דאָס ראָד פון אָוונט־שעה
קיילערט זיך איבער די רעלסן פון מיין מאַרך.
מיינע ליפּן האָבן איצט אַ מאַנדל־טעם,
דעם טעם פון אָוונט־רו.
קום, די טיר מאַך אויף,
קום אין שאָל פון גלעטנדיקער רו.
אין פוכיקער פאַרגעסונג
פון אָוונט־שעה.

דו ביסט ניטאָ,
נאָר נאָנט ביסט מיר נאָנט,
ווי דער נאָגל צום פינגער מיין —
און דורך טיר און טויער
שפּאַרסטו אין מיין געביין.

איך בין שוין מיד,
מיין געמיט — אַ פלעמל־צאַנק,
מיין ווילן הוידעט זיך אין מיר שטיל און פויל
אין האַלבן שלאָף.
אַ פּאָך אַ פאַרביקער,
מיינע וויעס קלעפּן צו.
ס׳איז דיין שמייכל פליגל־שאָרך,
טויבן־רו.
און פּלוצלינג,
ווייל אַ דעמאָן אַלץ אין מיר פאַרווירן
און דו קומסט צוגיין,
מיין חלום אויפצוטירן.

---

**ש. זאלקין**

## פרילינג אין גארטן

שטיל איז אין גאָרטן, בלויז שאָטנס זיך וויגן.
שווייג איצט, געליבטע, דעם אָטעם פאַרהאַלט!
אָט פויגעלעך ווערן אין נעסטן אַנטשוויגן
אויף גרינינקע בוימער דער ווינטל, וואָס שאלט.

אויך איך וויל נישט ריידן ביז ס׳וועט זיך דערהערן
דער נאַכטיגאלס טרעל ערגעץ־ווו אויף אַ בוים,
און צינדן זיך וועלן אין הימל די שטערן
און אַ פולע לבנה אין אַ גאָלדענער קרוין.

אין האַרצן ס׳וועט ווער די סטרונעס באַרירן,
שטיל וועל איך זינגען פון ליבע צו דיר.
נאָר שוויג איצט, געליבטע, לאָמיר שפּאַצירן
און טוליע זיך, טוליע נאָענט צו מיר.



## בן-א. סאכאטשעווסקי

## פרילינגס-רוף

דערוואַך, דערוואַך — רופט אימיצער,
די אַלטע ערד איז יונג באַקליידט,
די זון פאַרגייט, די זון גייט אויף,
און וויל איז דעם וואָס זעט, פאַרשטייט.

דערהויב דיין קאָפּ אין ווירדיקייט
און קוק דיין אייגן פּנים אָן,
ווייל אויך פאַר דיר איז פרייד נאָך דאָ,
אין חלום־מאַנטל אָנגעטון.

און אויך די נאַכט, די שטילע נאַכט
וואַרט מיט איר בלויער־שויס אויף דיר,
פאַר אָפּרו נאָך דיין שווערן טאָג,
מיט ליידן פול און צער אָן שיעור.

אַלץ גרינט און בליט מיט בשמים פול,
און בלויז נאָר דו ענטוישט און מיד,
דער יאוש זינגט אַראָפּ פון דיר,
ווי טרויער־טענער פון דיין ליד.

אַזוי האָט אימיצער געזאָגט,
נאָר כ׳ווייס ניט ווער דאָס איז געווען,
און אפשר גאָר מיין ווייטער טאָג
אין יאָרן אַלטע ערשט דערזען.

## יוסף הלל לעווי

## די איינזאַמקייט

ס׳ווייזן שוין די קאָרנבלומען
זיך אין גאָרטן אויך אַרויס,
פון אַקאַציעס, בעז, דער בשמים
מישט זיך מיט די רויזן אויס.

אויף די בלומענבייטן רינען
טראָפּן טוי ווי פּערל שטיל,
איבער רויזן פלאַטערן בינען,
אום מיט שמעטערלינגען פיל.

און זיי ציטערן לייכט און שוועבן,
און זיי זומען פראַנק און פריי
אויס דאָס ליד פון ליבע, לעבן,
מיט דעם גאָלדנעם סאָלאָוויי.

און דער כשופדיקער טרילער
פון דעם האַרציקן געזאַנג,
ווערט פאַרחלומטער און שטילער
ערשט נאָר מיטן זונפאַרגאַנג.

ס׳קושט אַ ווינטל פונעם גרינעם
וואַלד זיך מיטן אָוונט־גלוט;
ווי פון קלאַנגען פון וויאָלינען
ווערט פון ליבע שיכור ס׳בלוט...

וואָס פון בענקן, און באַגערן,
קאָן עס קיינמאָל נישט איינרון,
נאָר עס רייסט זיך צו די שטערן,
צו לבנה און דער זון.

פונעם אָוונט־ווינט דעם שאַרפן
ווערט די לופט אויך שיכור מיד,
ערגעץ ווו אויף גאָלדנע האַרפן
שפּילט דער אָוונט ס׳דעמערליד.

ווען די גרויע שאָטנס לייגן
זיך אַוועק אויף בוים און בייט,
ווערט נאָך טיפער שטילער ס׳שווייגן
ביז ס׳טויכט אויף די איינזאַמקייט.

פון די ביימער, צווייגן, בלעטער,
קומט זי אָן אַ שאָרך אַפּיר,
טראָגט פאַר אַלע מענטשן, געטער,
נאָר רחמנות אָן אַ שיר.

אין אַ בלאַסן זילבערשלייער,
איר געשטאַלט איז איינגעהילט,
ווי פון זונגעצאַנק דאָס פייער
איז דאָס אויג אירס אָפּגעקילט.

און זי וועבט זיך איין אין דעמער,
מיט אַ תפילהדיק געזאַנג, —
קניט אַנידער ווי די לעמער
אינעם פורפל־זונגעצאַנק.

לאָזט פון ווינט זיך צאַרט באַרירן
ווי אַ מיידל דאָס געזיכט,
אויסגעקושט פון ליבע לירן
און לבנהדיקן ליכט.

טוט פאַרבאָרגן ווידער צונדן —
ס׳האָפנונג־פלעמל וואָס נאָך גרויט;
יעדע לייד צו איבערווינדן
אין די שווערסטע לעבן־נויט...

עפנט אויף איר האַרץ און ס׳אויער
פאַר אַ יעדן שטורם־געברויז;
שפּילט דאָס ליד— פון ליבע, טרויער
אויף איר איינזאַם־אָרגל אויס.

ביז זי קומט דעם האַרץ אַקייגן
פול מיט טרייקייט פון דער ווייט, —
וואָס עס וואַרט פון ליבע, ליידן,
אויף דער טיפער איינזאַמקייט.

און זיי ווערן ווי אַ פונקן
פון דער ליבע אויסגעשטראַלט,
שטיל אַריין אין נאַכט פאַרזונקען
ווי אַ שטערן וואָס ער פאַלט...

# קדיש מיין מוטער אסתר קרייטמאַן

ווער קאָן נאָך אַ מענטשן בעסער, ווי אַ זון זיין אייגענע מאַמע. מיין מאַמע איז געווען זער אַ טיפער מענטש, גאָר אַ טיפער מענטש—איך זאָג די ווערטער נישט בלויז פון מיין האַרצן, וואָס טוט מיר וויי, נאָר פונם קאַלטן שכל — איך וויל דאָ נישט זאָגן קיין איין וואָרט, וואָס איז איבערטריבן, וואָס איז אַ האָר אפילו אָפּגעזונדערט פונם ריינסטן אמת. יאָ, מיין מוטער איז געווען גאָר אַ



אסתר קרייטמאַן, ע״ה — געצייכנט פון ה. שריפטגיסער

טיפער מענטש, אין ווען ס׳האָבן זיך געראַנגלט די שווערסטע מענטשלעכע קאָנפליקטן. ביים שרייבן, ביי אירע ווערק, וואָס באַשיינען און גליען מיט אַ וואונדערלעכער וואַרעמקייט אין דער גרויסער יידישער ליטעראַטור, ביים



שרייבן פלעגן זיך די קאָנפליקטן אָפּשטעלן. איר פעדער פלעגט פליען לייכט און קרעפטיק איבערן פּאַפּיר, אויסדריקנדיק איר שאַרפן פּאָזיטיוון בליק אויפן לעבן, אויף מענטשן און אויף דער גאָר מאָדנער וועלט, אין וועלכער מיר מענטשן לעבן. טייל באַקאַנטע, וואָס האָבן אויבערפלעכלעך געקאָנט מיין מוטער, פלעגן איבערראַשט זיין, אַז אָט דער מענטש, באַהערשט פון שטורמישע אינערלעכע ראַנגלענישן, איז דער מחבר פונם שטילן גראַנדיעזן ראָמאַן „דער שדים־טאַנץ” (וועלכן איך האָב איבערזעצט און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ענגליש); פונם ברייטן, וועלטלעך־קלוגן ראָמאַן „בריליאַנטן”; פון איר סעריע הערלעכע און פילזייטיקע דערציילונגען, טיילווייז געזאַמלט אין בוך „יחוס”, טיילווייז דערשינען אין דער יידישער פּרעסע איבער דער גאָרער וועלט. זיי, די אויבערפלעכלעכע באַקאַנטע, האָבן נישט געקענט פאַרענטפערן דעם ווידערשפּרוך צווישן דער פּערזענלעכקייט פונם מחבר און אירע ווערק. האָבן זיי געזוכט אַלערליי, אפילו אונריכטיקע אויסטייטשונגען. ווייל קיין שום זאַך אין דער וועלט ערגערט נישט אַזוי, ווי אַן אונפאַרשטענדלעכקייט. די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט איז אַ לאַנגע קייט פאַרזוכן צו דערטאַפּן דעם אמת — דורך אויסטייטשונגען, אָפּט אויף אַבערגלויביקע, שיין־פאַנטאַסטישע, אָפּטער אויף עמאָציאָנעל געהעסיגע אופנים — אונטער דער מאַסע פון אונפאַרשטענדלעכקייטן. פרעגט זיך, פון וואַנען האָט זיך גענומען צו דער מוטער מיינער אַזוי פיל שווערע אינערע קאָנפליקטן? כדי צו געבן דעם גאַנצן ענטפער דערויף, וואָלט מען געדאַרפט קענען דאָס גאַנצע לעבן פון מיין מוטער — נאָך מער, צוריקבליקן דור דורות אין דער געשיכטע פון דער משפחה, איך מיין פון אונזער גרויסער משפחה, וואָס הייסט יידיש פאָלק. אָבער אין קורצן, טיילווייז, ליגט דאָ דער ענטפער: די מאַמע איז געווען פון אַן עקסטרעמער, אונגעהויערער, גאָר זעלטענער עמפּפינדלעכקייט.

פון דאָס גוטע אין לעבן האָט זי געקענט אַריין אין אַן עקסטאַז, אַ חסידישער, אַ הויכער, אַזאַ וואָס איז שווער געווען פאַר אַנדערע מענטשן מיטצוגיין. אָבער דאָס שלעכטע אינם לעבן — און באַזונדערס דאָס אומגערעכטע, דאָס נישט־יושרדיקע אינם לעבן, וואָס, אָביעקטיוו, לײדער איז דער הויפּט אינהאַלט פון דער היינטצייטיקער, אַזוי־גערופענער ציוויליזאַציע — דאָס האָט די מוטער נישט געקענט פאַרדייען. אַזוי ווי אַ שלעכט איי ליגט שווער אויפן מאָגן און קאָן פירן צו אַ געפערלעכע פאַרגיפטונג, אַזוי איז געלעגן ביי מיין מוטער שווער אויפן מוח די אַלע עטיש־נעגאַטיווע ערגענישן פונם אַרומיקן לעבן. אָפּט פלעג איך און מיין פאָטער מיט דער מאַמען איינטענהן: אַזוי איז די וועלט! מיר האָבן באַשאַפן די וועלט? עס איז אונזער אַרבעט? אַזוי איז עס און שוין! אַז אַנדערע צעקלאַפּן זיך, זאָלן זיי זיך זאָרגן! אַז מיר אַליין צעקלאַפּן זיך, זאָל מען זען וואָס גיכער פאַרגעסן דעם ווייטיק. אָבער די מאַמע האָט דאָס נישט געקענט טון. זי האָט נישט פאַרדייעט דאָס אומגערעכטע. זי האָט זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך און אַזוי אַרום כמעט ווי שולדיק פאַר דער גאַנצער וועלט. די טראַגישע געשעענישן פון די לעצטע יאָרן, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט —

און לאָמיר האָפן, אַז זיי האָבן זיך פאַרענדיקט — מיטן קאַלטבלוטיקן אויסמאָרדן פון זעקס מיליאָן יידן, איז געווען פאַר איר אַ קלאַפ, וואָס האָט זי צעשמעטערט. אַלע ליידן פון די קרבנות האָבן זיך אָפגעשפיגלט אין איר נשמה. די ליידן זיינען געווען אַזוי פיינלעך־אונדערטראָגבאַר, אַז זי האָט זיי צום סוף פאַרטושט, טראַנספאָרמירט.

מיינע בעסטע, וווּנדערבאַרסטע, זיסטע זכרונות פון דער מאַמען זיינען ווען איך בין אַ קינד געווען און מייסטנס שבת נאָכמיטאָג — די מאַמע איז לגמרי נישט געווען פרום, נאָר, ווי זי פלעגט אַליין זיך אויסדריקן, איז זי געווען „צוגעבונדן מיט טויזנט פעדים" צו יידישקייט, צום שיינעם יידישן שטייגער פון לעבן — האָמאָלט פלעגט זי דערציילן מעשיות — מיט אַן אונבאַשרייבלעך מענטשלעכער וואַרעמקייט און טיפזיניקייט, פּרעציזיע און פאַנאָראַמישער ווייטקייט — מעשיות פון דער היים, דאָס הייסט פון פוילן, פון דער שטאָט בילגאַריי, ווו זי איז געבוירן געוואָרן אין רבנישן זיידנס הויז, פון איר טאַטן דעם רב, דעם צדיק און בטלן, פון איר שאַרפער, צו שאַרפער מוטער, פון אירע באַגאַבטע ברידער, פון די אַרומיקע מענטשן, פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, פון וואַרשע, פון אַמאָליקע צייטן, פון דעם פאָלקלאָרישן אוצר, דער איינציקער רייכטום, וואָס איז אין דער משפחה געוואַקסן פון דור צו דור. אויב אין מיר איז פאַראַן עפּעס אַ שטויבעלע פון דעם גייסטיקן אוצר, אויב איך באַהערש אַ ביסל און באַוווּנדער אַסך די יידישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור, הגם דערצויגן אין לאָנדאָן, האָב איך עס געירשנט פון דער ליבער מאַמען מיינער.

מיין מאַמע האָט נישט איבערגעלאָזן אַ געשריבענע צוואה. אָבער איך ווייס וואָס איר צוואה איז געווען — זיך צו שטעלן אינם קאַמף פון לעבן אויף דער זייט פון מענטשלעכקייט, ברידערלעכקייט, שלום. רעאַגירן קעגן די צעשטערערישע, שנאהדיקע אומריינע קרעפטן, וואָס באַדראָען דאָס גאַנצע לעבן. דאָס אומריינע, מוז מען צוגעבן, געפינט זיך נישט נאָר ביי די אומות העולם, נאָר אויך ביי אונז יידן גופא אין אַ גרויסער מאָס. זיך אידענטיפיצירן מיטן אומאויפהערלעכן קאַמף פאַר אַ שענער, ריינערער און פרידלעכער וועלט. דאָס, האָט מיין מאַמע געהאַלטן מיט יעדן אַטאָם פון איר וועזן, איז די מיסיע פון מענטשן בכלל און יידן בפרט און אַז אָן דער מיסיע איז יידישקייט גאָרנישט און די אַלע פאַרגאַנגענע, גראָטעסק־שרעקלעכע קרבנות אונזערע האָבן קיין זינען נישט.

זאָל פאַראייביקט זיין דער ליכטיקער אָנדענקן פון מיין טייערער, האַרציקער מוטער!

משה קרייטמאַן (מאָריס קאַר).

---

## קומט צו אונזערע יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס

---



רחל מירסקי

# מיניאַטורן

צו דער נאָר וואָס פאַרשטאָרבענער אסתר קרייטמאַן, צום אייביקן אָנדענקן

די פלאַנץ אויף מיין פענסטער

מען האָט אים אַראָפגעשאָסן איבער אַ שטאָט אין האָלאַנד.

צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יונגע מענטשן ליגט ער אין דער קאַלטער, פרעמדער ערד, מיין יונגער, בליענדיקער פריינט, וואָס איז נאָך קיין פיר און צוואַנציק יאָר נישט אַלט געוואָרן!...

אויף זיין קבר וואַקסן ווונדערלעכע פלאַנצן.

די רעגירונג פון יענעם לאַנד האָט באַפוילן, אַז די קברים פון די מלחמה־געפאַלענע פון פרעמדע לענדער זאָלן אָפגעהיטן ווערן.

* * *

אויף מיין פענסטער שטייט אַ בלומען־טאָפ מיט אַ פלאַנץ פון זיין קבר. מענטשן, וואָס האָבן אים נישט געקענט, האָבן מיר אָט די פלאַנץ צוזאַמען מיט אַ קליין ביסל ערד אַהיימגעברענגט.

די פלאַנץ אויף מיין פענסטער וואַקסט און צעוואַקסט זיך.

יעדן פרילינג קומען צו נייע, קליינינקעביימעלעך, וואָס שטייען גלייך איינס נעבן אַנדערן, ווי אַ קליין וועלדעלע. די ביימעלעך זיינען צאַרט, מיט קליינינקע, רונדיקע בלעטעלעך; מיט פנימלעך אַרויף צום הימל. צאַרט און דורכזיכטיק זיינען די בלעטעלעך. ווען די זון שיינט אויף זיי, קען מען ציילן די דינינקע, גרינינקע אָדערלעך.

ביינאַכט, אין שיין פון דער לבנה דורך מיין פענסטער, זיינען אָט די בלעטעלעך אַראָפגעבויגן. דאָס העכסטע ביימעלע, וואָס מען האָט מיר געברענגט פונם קבר, איז איינגעבויגן איבער די קליינינקע זיינע.

עס וויינט אויף מיין פריינטס פיר און צוואַנציק יאָר, וואָס זיינען אַזוי גרויזאַם פאַרשניטן געוואָרן פונם לעבנס־בוים. עס וויינט אויך דערפאַר וואָס מען האָט עס אַרויסגעריסן פון דאָרט, ווו עס איז געוואַקסן און געבליט.

* * *

איך היט אָפ די פלאַנץ מיט ליבשאַפט און צאַרטע באַרירונגען. אפשר זיינען אָט די ביימעלעך גאָר נשמהלעך, וועלכע האָבן געדאַרפט געבוירן ווערן און זיינען גאָר מגולגל געוואָרן אין קליינינקע, צאַרטינקע ביימעלעך, וועלכע שטייען אויף מיין פענסטער?

דער אַלטער בית־עולם

אין האַרץ פונם אַמאָליקן יידישן לאָנדאָן, אויפן וועג צו אַ שטאָט ביים ים, פאָרט מען פאַרביי אַן אַלטן, יידישן בית־עולם.

דאָס אָרט איז פאַרוואָרלאָזט, ווילד־פאַרוואַקסן. די אַלטע מצבות סטאַרטשן אַרויס פון צווישן די הויכע גראָזן און ווילדע בלומען. די מצבות הייבן זיך פון

די פֿאַרלאָזענע קברים ווי כּדי זיך אַרומצוקוקן צי משיח איז שוין געקומען, און צי עס איז שוין צייט אויפצושטיין תּחית־המתים מיט אַ געשריי פון פריידן!

אָט סטאַרטשעט אַרויס ווי אַ קאָפּ פון מאַן מיט אַ גרינער יאַרמולקע, מיט גרינע באָרד און פּאות. נעבן אים אַ קאָפּ מיט אַ גאָר פיינעם טשיפּיק, מיט ווייסע און רויטע ציטער־שפּילקעס. אַ ביסל ווייטער — אַ הויכער, דינער שטיין מיט אַ וואַזע אויפן קאָפּ, וואָס זעט אויס ווי רבֿקה טראָגט אַ קרוג וואַסער פון ברונעם צו געבן צוטרינקען אליעזרן. נאָך אַ ביסל ווייטער — אַ הויכער ישיבֿה־בחור. מען זעט אים בלויז ביז דעם גאַרטל. די האָר, פּאות און באָרד — שוואַרץ־גרין, רעמען איין זיין גרוי פּנים; די גרינע, הויכע האָר אויפן קאָפּ שאָקלען זיך אַ ביסל אינם לייכטן ווינט. ער קוקט ווי מיט פאַרוווּנדערונג אויף דעם מיטן זון־באַשטראַלטן, אָפּגעלאָזענעם אַרום.

דער צוג גייט נישט זער שנעל פאַרביי דאָס דאָזיקע הייליקע אָרט.

פּלוצלינג גייט לאַנגזאַם פאַרביי אַ גרופּע גרויע קעפּ, וואָס זעען אויס ווי זיי קוקן זיך איין אין די צערינצלטע פּנימער און סודן זיך, פרעגנדיק איינס ביים אַנדערן:

— וועט עס נאָך לאַנג דויערן ביז מיר וועלן אויפשטיין צו גיין איבער דער פּאַפּירענער בריק קיין ארץ־ישׂראל?

ווידער רוקט זיך פאַרביי אַ גרופּע דינע, שמאָלע שטיינער, וואָס זעען אויס ווי קינדישע הענטלעך, אויסגעשטרעקטע אָפּצורייסן די פאַרבנרייכע, ווילדע בלומען, וועלכע וואַקסן אַרום.

גאָר באַזונדער — אַ גרופּע נישט זער הויכעביימער, וואָס פאַרדעקן אייניקע אַלטע מצבֿות, דאַכט זיך ווי אַ סוכּה, אין וועלכער עס זיצט אַ גאַנצע פאַמיליע אין אַ קאַלטן יום־טובֿ סוכּות־טאָג; אַלע איינגעקורטשעט. קוים וואָס מען זעט די גראָע קעפּ אַרויס.

אין דער מיט פון אָט די אַלע שוואַרץ־גראָע קעפּ שטייען גאָר צוויי שווערע שטיינער־קאַסטנס; אודאי אַ פּאָר־פּאָלק, וואָס די קינדער זייערע האָבן געוואָלט, אַז ווען משיח וועט קומען, זאָל מען בלויז דאַרפן צוטשעפּן רעדער, וועלן די דאָזיקע שטיינער־קאַסטנס זיך לייכט פאָרן אין הייליקן לאַנד אַריין.

דאָס פעלד ציט זיך אַ ווייטן מהלך, די מערסטע מצבֿות זיינען באַגראָבן אונטער די הויכע גראָזן און יונגע ביימלעך.

ווען איך בין געפאָרן צוריק פון דער שטאָט ביים ים איז שוין געווען נאַכט. איך האָב מיך עפּעס געשראָקן צו קוקן אין דער זייט פון דעם פאַרוואָרלאָזטן, אַלטן בית־עולם...

דער לעצטער טאָג אין מאַי

— געדענק — האָט מיין פריינט געזאָגט — דו וועסט דאַרפן וואַרטן אַ גאַנץ יאָר ביז עס וועט ווידער זיין מאַי!

און איך האָב מיר געטראַכט, אַז מיין פריינט איז דאָך גערעכט.

איך האָב מורא געקריגן, אַז עס וועט אַוועק אין דער אייביקייט דער לעצטער טאָג פון שענסטן חודש אין יאָר.



— יאָ — האָב איך געענטפערט — עס איז דער לעצטער טאָג פון דעם וווּנדערלעכסטן חודש, ווען אַלץ אין דער נאַטור קומט אַזוי צום לעבן — און מיר זיינען אַרויס.

דער פרימאָרגן איז געווען טריב, און גראָ דער הימל.

— עס וועט אודאי באַלד אַראָפּ אַ רעגן. אונזער שפּאַציר וועט זיכער נישט זיין ווי מיר האָבן געוואָלט.

ווען מיר האָבן דערגרייכט דעם גאָרטן, האָט דער הימל אָנגעהויבן ווערן העל־אויסגעלייטערט. און ווען מיר האָבן גענומען באַוווּנדערן די סקולפּטור, וואָס הייסט „דער מאַן, וועלכער פאַרזייט די ערד", איז די זון שוין געשטאַנען אין איר גאַנצער פּראַכט.

דער זייער אויפן פּעדעסטאַל, פאָרשטעלנדיק אַ שטיק צעאַקערטע ערד, אַ האַנט וואָס וואַרפט זאָמען, וועלכע וועלן דערפרייען מענטש, פייגל און אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן, האָט אין אונז אויפגעוועקט אַ טיפע פרייד. זיין שטיינערן פּנים דריקט אויס דערוואַרטונג און האָפענונג; זיין בליק איז געווענדט אין דער ווייטנס, ווי וועלנדיק אַרומנעמען דעם גאַנצן שטח מיט איין בליק.

די אַלייע ציט זיך ווייט, איז באַגאָסן מיט גאָלד און זילבער פון דער זון. אויף ביידע זייטן שטייען ביימער, אין די בייטן — ווּנדערלעכע בלומען. די ביימער באָדן זיך די פיס אינם רעגנבויגן־פאַרביקן צוויט, וואָס זיי האָבן אַראָפּגעשאָקלט פון די צווייגן זייערע.

עס איז געווען אַ פאַרכּישופטער מאָמענט, ווען מיר זיינען שטיל געשטאַנען, לאָזנדיק אונזער בליק זיך זעטיקן מיט די צאַרטע פאַרבן; באַהערשט פון טיפער פרייד און דאַנקבאַרקייט צום אומבאַקאַנטן כּוח, וואָס באַשאַפט אַזוי פיל שיינקייט.

מיר האָבן אָנגעהויבן ווייטער גיין אין אָט דער פאַרכּישופטער אַלייע, און די פייגל איבער אונז און אַרום אונז האָבן געזונגען און געשווישטשעט; אודאי אונז געזאָגט אויף זייער פייגל־לשון:

— ווי שיין עס איז גאָטס וועלט!

ווען מיר האָבן זיי צוגעוואָרפן קרישקעס, זיינען זיי געווען אין די מחנות אַרום אונזערע פיס. אָט די ווּנדערלעכע באַשעפענישן מיט זייערע יונגע, וואָס זיינען געקאָרמעט געוואָרן פון די מאַמעס זייערע. די יונגע האָבן אָפּן געהאַלטן די געלע שנעבעלעך מיט אַ הייזעריק געשווישטשער, און די מאַמעס האָבן שנעל געכאַפּט די ברעקלעך און געטראָגן צו די אָפענע שנעבעלעך.

מיין פריינט, פון גרויס באַגייסטערונג, שרייט אויס:

— זע, איך מיין, אַז זיי קושן זיך גאָר!

ווונדערלעך איז דער גאָרטן מיט אַלעם, וואָס וואַקסט און בליט דאָ און די אַלע פייגל אַרום דאָ.

די פלאַנצן ברענגט מען אַריבער פון עק וועלט. פאַר אַ סך איז דער גאָרטן כּדי צו לערנען די געהיימנישן פון דער נאַטור, אָבער פאַר די מערסטע מענטשן איז דער גאָרטן אַ פּאַלאַץ, וווּ מען קען אָנזעטיקן דאָס אויג מיט די צאַרטסטע,

וווּנדערלעכסטע פאַרבן; און זיך אָנשיכורן מיט עקזאָטישסטע ריחות.

דער לעצטער טאָג אין מאַי האָט אונז דערפרישט און געשטאַרקט מיט שיינקייט.

וווּנדערלעכער, וווּנדערלעכער חודש מאַי!

## דער טויט פון אַ קאַץ

איך האָב געזען דעם אַלטן קאָטער אַרונטערגיין אונטער דעם ברייט צווואַקסענעם ווילדן רויזן קזשאַק. תמיד איז ער אַרום אין די קליינע גערטנער ביי די הייזער.

ער איז אויסגעדאַרט און אָפּגעלאָזן, דער רוקן־ביין סטאַרטשעט אַרויס, ווי אַלטע גרויע ציין וואָס זיינען לויז געוואָרן אין אַן אָפּגענוצטע מאַשין. ער האָט אַ גרויסן קאָפּ מיט אַ לאַנגען טרויעריקן געשניצטן פנים, די אויגן צוזאַ־מענגעצויגן, ביז צוויי שמאָלע שפּעלטלעך. די פעל וואָס איז אַמאָל געווען ווייס מיט טונקל גרויע פלעקן, איז יעצט איין פאַרב — גרוי.

ניט לאַנג צוריק האָט ער נאָך אַ היים געהאַט, מיט אַ גוטע, אַלטע פרוי, וואָס האָט אים אויפגעצויגן און ער האָט זי אויף זיין קעצישן שטייגער זייער ליב געהאַט.

עס איז אויך ניט לאַנג ווי ער איז איר נאָכגעגאַנגען ווען די פרוי איז אַרויס פון הויז צו באַזאָרגן דאָס עסן פאַר אים.

זי גייט פּאַמעלעך, מיט שלעפּנדיקע טריט, דער קאָטער הינטער איר מיט זיכערע, אָבער אויך פּאַמעלעכע טריט, דעם עק הויך אויפגעשטעלט.

אין עק גאַס בלייבט ער שטיין. די פרוי גייט ווייטער. ער ווייסט אַז ער דאַרף נישט אַריבער דעם וועג, ער וואַרט ביז זי קומט צוריק צו דעם זעלבן אָרט, ווו ער איז געבליבן וואַרטן. ער רייבט זיך ביי אירע פיס. זי זאָגט אַ פריינדלעך וואָרט, ער פאַרשטייט וואָס זי מיינט.

ביידע גיין אַהיים. ער לויפט אָפּויער. ביי דער טיר וואַרט ער, ביז זי קומט.

איין טאָג זיינען אין הויז געווען אַ סך מענטשן. ער פילט עפּעס נישט זיכער, מען טרייבט אים. אייניקע מאָל האָט מען אים געטראָטן אויף די פיס. ער לאָזט אַרויס אַ שאַרפן „מיאו", לויפט אַרונטער ווו ער געפינט נאָר אַן אָרט. די טיר איז אָפן, ער לויפט אַרויס אין גאָרטן.

קיינער רופט אים נישט עסן צו געבן. אַביסל פאַרוווּנדערט שטייט ער און וואַרט ביי דער טיר. קיינער עפנט נישט. עס איז שוין נאַכט. ער איז הונגעריק און קאַלט. ער שטייט מיט אויפגעשפּיצטע אויערן און פאַרשטייט נישט, פאַר וואָס די טיר עפנט זיך נישט, אים אַריינצולאָזן . . .

עס איז ווידער טאָג. די טיר עפנט זיך. מיט איין שפּרונג איז ער אין הויז. ער הערט נישט די באַקאַנטע שטימע!

ער דערזעט עפּעס אַ פרעמדן זיצן, קיינמאָל אים נישט געזען. ער זעט אויך עפּעס אַ לאַנגע שוואַרצע זאַך. שטייענדיק אויף די הינטערשטע פיס, שמעקט ער צו דער שוואַרצער זאַך. עפּעס אַ באַקאַנטער ריח, עפּעס זייער באַקאַנטעס, ער וויל אַרויף אויף דער שוואַרצער זאַך, יאָגט מען אים מיט אַ



געשריי . . . ווידער איז ער אין דרויסן.

עס גיין אַריין אַ סך מענטשן. ער קוקט מיט צעשראָקענע אויפגעריסענע אויגן. ער ווייסט נישט וואָס ס'טוט זיך. ער האָט דאָס קיינמאָל נישט געזען און ער איז זייער הונגעריק און אויך קאַלט. מען טראָגט די לאַנגע שוואַרצע זאַך אַרויס!

עס איז ווידער נאַכט. די טיר עפנט זיך נישט. דאָס פענסטער ווו ער האָט תמיד געקראַצט, אַז מען זאָל אים זען און אַריינלאָזן, איז פינסטער. עס איז דאָרט זייער שטיל. וואָס האָט געטראָפן? פאַרוואָס הערט ער נישט די גוט באַקאַנטע שטימע אים רופן. ער איז זייער הונגעריק און עס איז זייער קאַלט. ער ווערט אויסגעדאַרט, אָבער ער ליגט ביי דער טיר.

שכנים באַדויערן אים, וואַרפן אַרויס עפּעס צו עסן. ער רירט זיך נישט.

נאָך אַ סך טעג זענען ווידער געקומען מענטשן, די טיר איז אָפן, ער וויל אַריין; מען טרייבט אים אַוועק.

ר'ליגט נישט ווייט פון דעם הויז, שטענדיק מיט די אויגן צו דער טיר. מען טראָגט אַרויס זאַכן, וואָס ער קען אַזוי גוט. ער דערקענט דעם אַלט גע־בעטן שטול, אויף וועלכן ער איז געשלאָפן. ס'איז געווען אַזוי וואַרעם און די פריינטלעכע האַנד האָט אים אַזוי אָפט געגלעט, און גערעדט צו אים.

מען גייט אַריין און אַרויס פון דער טיר, אויך קינדער! אַזעלכע האָט ער דאָרט קיינמאָל נישט געזען.

אין אַ פרימאָרגן, נאָך אַ קאַלטער נאַכט, זעט ער ווי מען לאָזט אַרויס פון דער טיר אַ קליין שוואַרץקעצל. ער דערמאָנט זיך, אַז אים האָט מען אויך אין די פרימאָרגנס אַרויסגעלאָזן, אין דעם גאָרטן אַריין.

ער פילט ווי עפּעס רייסט זיך אין אים אָפּ! ער מיאוט קוים וואָס מען הערט, ווי פאַרפייניקט פון טיפן ווייטאָג.

ער קוקט נישט מער צו דער טיר, איז אָבער תמיד אַרום דעם הויז.

טעג זיינען קורץ און קאַלט, די נעכט לאַנג און נאָך קעלטער.

ער ליגט צוזאַמען געדרייט אין דעם אַלטן הינער־שטייג.

שכנים האָבן רחמנות, זאָגן ער וועט נעבעך אַזוי אויסגיין פון קעלט. מען גיט אים אַמאָל עפּעס פון געבליבענעם עסן. אַממיינסטן פאַרגעסט מען וועגן אים.

דער פרילינג איז געקומען. די הינער־שטייג האָט מען אַוועקגענומען. מען האָט אָפּגערייניקט דעם גאָרטן. דער קאָטער איז געבליבן אָן אַ היים, ניט האָבנדיק מער ווו זיך צו באַשיצן. ער שטייט דער פאַרוואָרלאָזטער אויף איין אָרט און קוקט צו דעם הויז. די קינדער שפּילן זיך מיט דעם יונגען קעצל. זיין קעצישער מוח קען נישט איבערנעמען פאַרוואָס מען האָט אים פון דאָרט אַרויסגעטריבן.

דאָרט איז ער זאַט געווען, זיך געפילט וואַרעם. דאָס פעל זיינס האָט געגלאַנצט. אַ מילדע האַנט האָט אים געגלעט.

איך קוק מיט רחמנות אויף דעם פאַרפייניקטן לעבעדיקן באַשעפעניש:

דער עק הענגט אַראָפּ, ווי טויט. איך הער אַ וויינענדיקן מיאוקן, ווי דאָס פּישטשן פון אַ פויגל אין שלאָף. לאַנגזאַם דרייט ער זיך אַוועק, קוים וואָס ער שלעפּט זיך צו דעם ווילדן רויזן קזשאַק.

אויסגעצויגן פלאַך צו דער ערד, כמעט אויפן בויך, קריכט ער אַרונטער דעם קזשאַק. קיינער האָט אים נישט מער געזען. דער אינסטינקט פון חיות, ווען זיי פילן, אַז עס קומט די ענד, פאַרקריכן זיי אַז קיינער זאָל נישט זען דעם לעצטן טויטן־קאַמף.

קינדער האָבן אָנגעזאָגט, אַז זיי האָבן געפונען די אַלטע קאַץ טויט אונטער דעם מיט רויזן באַוואַקסענעם קזשאַק.

## א. נ. שטענצל

### אַ זומער־פייגעלע אויף ווייטשעפּל

ווי אַזוי דאָס זוניקע פאַרביקע זומער־פייגעלע
פלאַטערדיק אַהער דאָ איז אָנגעקומען ?
מסתם אַן אָמניבוס וואָס פאָרט אַ פאַרק פאַרביי,
מיטציענדיק מיט זיך עס מיטגענומען :

אַ קאָלירטע רעקלאַמע, אַ שרייענדיקע,
האָט עס פאַרטוישט מיט קנאָספּענדיקע בלומען,
אָדער אַ דאַמע וואָס איז אַריין אין אַ באַס,
באַגאָסן מיט שמעקעדיקע פאַרפיומען.

און איז עס נישט פון אַזאַ גרויסן בינען־שטאָק,
פונם באַס אַרויס דאָס רוישן און זשומען ?
אַזוי איז דאָס זוניקע זומער־פייגעלע
אַ פלאַטערדיקס אַהער דאָ אָנגעקומען.

בלאָנקעט עס צווישן די בוידן און די שילדן
פונם שטויביקן געשטאַנק ווי באַנומען,
און נאָך איידער אַ דריי זיך טון אַרום דער זון,
וועט עס אין רינשטאָק דאָ ליגן פאַרקומען.

### די באַלאַדע פון די דריי טויבן

וואָלטן פערד נ׳וועגן איבער גאַס דאָ געצויגן,
געקומען ס׳וואָלטן שוין פייגל אָנגעפלויגן ;
זינגענדיק געפלאַטערט אין די הימלען אויבן,
און פון דעם פערד־אָפּפאַל די קערנער צו קלויבן.

און וואָלטן קיין נאַכטיגאַלן דאָ נישט געזונגען —
פון רינשטאָק צו רינשטאָק כאָטש שפּערלען געשפּרונגען !



צווישן פערדישע פיס פאַדקאָוועס באַשלאָגן,
לערנען זיך קריגנדיקע פייגל פאַרטראָגן.

ס׳שטיקעלע מחיה אַז מען האָט נאָר געפונען,
איז נעפּלען, איז רעגן, איז הימלען אָן זונען ;
ס׳קאָן פייפנדיקסטע בייטש קיין פייגל פאַריאָגן,
ווען הירזשענדיק פערד שפּאַנט פריידיק פאַר וואָגן.

עס פאַרען די פעלן, די גריוועס צעבלאָזן,
די ניוכענדיקע נאָזדרעס — לאָנקעס מיט גראָזן ;
און די צוויי אויערן דורך כאָמאָט געצויגן,
זינגענדיק שפּרינגענדיק — פייגל אָנגעפלויגן !

אַ שפּינגע־דעגינגע פון בלעכלעך און דרעטלעך
יאָגט אַזוי פון פריען באַגינען ביז שפּעטלעך,
גאַס דאָ — יענער קופּערט וואָס רוטשט זיך אָן רעדלעך !
און דער שד וואָס שטופּט אים, ער שטינקט אַזוי שעדלעך.

קאָכעדיקער ליאַרעם, פאַרעדיקער טומל — —
פעלן בלויז נאָך אויס דאָ פייגלעך צום רומל ;
נאָך איידער פון די רעדער איבערגעפאָרן,
פונם גאַז געשטאַנק שוין זאַדושעט געוואָרן.

נאָר באַגינען נאָך איידער עס נעמט שאַריען,
פליען דריי טויבן דאָ אָן, אַן ער מיט צוויי זי׳ען,
זיי קומען אָן פון דריי זייטן, פון דריי ליקן,
און נישט פונם רינשטאָק דאָ עפּעס צו פּיקן —

אויף טראָטואַר אין ערשטן זונען גלאַנצן,
אין גאַנצער ברייטקייט אַ „ברוגז־טאַנץ” אויפצוטאַנצן !
אַ רעווערענץ פון פאָראויס׳ן און צוריק׳ן — —
די רחבות, די ברייט, קיין ענד נישט צו דערבליקן.

נישט די קוימענס — קיין צוים, די בריקן — גיין גדר ;
און ס׳וועלן נישט דערלויפן טויזנטער רעדער,
אויף זייערע פלינקסטע לויפנדיקע בענדלעך,
איין איינציקן זון אויפגיי — אַזוי אומענדלעך.

און די שטילקייט פאַר דעם ליאַרעמדיקן טומל !
אויף אַ פאַרקעט, אָן אַ ציגאַרעטן־שטומל,
אויף דעם פלאַסטער דעם פרישן אויסגעקערטן,
די צוויי טויבן טאַנצן מיט זייער באַגערטן.

אַזאַ ליבע־מינועט פון קידער־ווידער,
מיט צאַפּל אין האַרץ און שטילקייט אין די גלידער,
אַ זיך דערווייטערן, אַ זיך באַגעגענען,
אָט איז ווידער די זון און אָט גייט באַלד רעגענען.

דאָס שלאַנקע בויגן, דאָס טוליענדיקע נייגן,
אויף אַ זייטל דאָס קעפּלדיקע זיך לייגן,
אָבער מיטן, אין וואָרקנדיקן ענטציקן,
די צוויי מאַניקעס אין פענסטער זיי דערבליקן.

צו הייליק באַמערקט ווערן פון וועם אינמיטן!
פלינק זיי קוקן אויף, ווי זון וואָלט זשאַרנעס שיטן,
און וואַקלדיק שווער צו רינשטאָק ווו זיי לויפן,
מאַכנדיק זיך פּיקן פונם קערנער הויפן.

* * *

אויפן זייד פון די פליגל שאַריען גלאַנצן,
אין די פּיסלעך דער ציטער נאָך פון טאַנצן,
פליען זיי פלינק אָפּ איידער ס'רודערט דער טומל,
זיי וועלן דאָך נישט אויספעלן דאָ צום רומל.

אין אַ גאַס אָן אַ גרעזל און אָן אַ בלימל
וואָסער פנים דריי טויבן קרייזן אויף הימל.

## אַ מאַלפּעלע אין אַ שוי־פענסטער

מיט נעזל צוגעפּלאַטשט צו דער שויב,
דעם שמאָלן אָרעם הויך אויפגעהויבן,
ווי ס'וואָלט פון אַ צווייג אַראָפּגעהאנגען;
דעם שטערן אַזוי שרומפּלדיק פאַרקנייטשט:
ווען בלויז נאָך איינעם צו דערלאַנגען!

האָט עס מרה־שחורהדיק אַרויסגעקוקט,
ווען ווייט ווו זון איז פאַרגאַנגען.

ווי דער דזשונגל נאָך אַ וויסטן שטורעם,
אַלץ וואָס לעבעדיק געווען פאַריאָגט,
ליגן אויסגעליידיקט שטיל די גאַסן;
אין גלאַטן טראָטואַר ווי אין טייכל,
האָלט נאָך אַ לעצטער בליץ אין פאַרבלאַסן.



דונער וואָס הערט זיך קוים פון ווייטן —
ס'געריש פון אָמניבוסן און באַסן!

די ציטערדיקע שרעק אין די אויגן,
ממש אַ מענטש וואָס אין נשמה טיף,
אַ גרויסער שמערץ האָט זיך פאַרקליבן;
און דער ביטולדיקער מענטשלעכער בליק,
ווען פאַר פענסטער כ'בין שטיין געבליבן.

דעם מאָנסטער, דאָס געשפּענסט בעסער צו זען,
עס האָט זיך די אויגן אויסגעריבן.

ראַפּטים פלינק זיך געגעבן אַ דריי אויס,
מיט שנעלקייט און מיט עקל אין באַוועג,
פון אַ שלאַנג נישט צו ווערן געביסן;
געשיקט ווו פאַרקריכן, זיך ראַטעווען,
פון אַ מאָנסטרום אַן עקלדיק־מיאוסן.

כ'האָב געהערט דאָס קנאַקן ווי פונם צווייג,
פון וועלכן עס האָט זיך אָפּגעריסן.

---

## שמואל ווהייט

### מיין געבורטסטאָג

ווי אַלט איך בין געוואָרן?
ווער וויל ציילן די יאָרן,
מיך אַרט ניט ווען זיי קורצן,
איך וויל זיי ניט איינשפּאָרן,
(די גרעסטע העלפט שוין פאַרפאָרן)
מאַכן אַ חשבון פון דעם זיין?
קען מען דען אויסרעכענען
אַזאַ גרויסן פּאַק מיט פּיין?
כ'בין אַרומגערינגלט מיט פריינט,
און פאַרבלייב דאָך איינזאַם — אַליין.

וואָס לוינט זיך חשבונען, רעכענען?
אַ יאָר אַרויף, אַ יאָר אַראָפּ,
דעם לאַנגען וועג צוריקצוקוקן,
הייבט אָן שווינדלען דער קאָפּ,
באַלד ברעכן זיך די בריקן:
ווי אַלט כ'בין, וואָס האָב איך געוווּנען?
ווו ליגן די האָפנונגען די גליקן,
איך ווייס אַז איך האָב פאַרלוירן.
אין ליידן בין איך שוין לאַנג
משותלח־אַלט געוואָרן.

ווי אַלט איך בין געוואָרן?
ווער וויל ציילן די יאָרן,
מיך אַרט ניט ווען זיי קורצן,
איך וויל זיי ניט איינשפּאָרן,
כ'ווייס כ'האָב אין לעבן פאַרלוירן.

### צו מיין מוזע

אָ, לאָז מיך שוועבן אויף דיינע
לייכטע פליגל
אין הערלעכע ספערן ווו
געטלעכקייט אָטעמט.
אַרומגערינגלט מיט רעגנבויגן
קאָלירן,
באַלויכטן מיט אַראָראַ ליכט, מיט
אַמיליאָן
קאָליריג פאַרבן און ניואַנסן שפּיל,
אָטעם איך אין דעם דופטנדן גן־עדן
אַראָמאַ, פלעכטן זיך גייסטרייכע
וויזיעס וואָס פאַרוועבן מיך אין
פאַנטאַסטישע הערלעכקייטן.
אָ, מוזע האַלט מיך אין דיינע
ווייכע אָרעמס.

י. א. ליסקי

## דער דיכטער נחום באַמזע
(און זיין וועלט)

דעם זומער ווערט פופצן יאָר פון זינט ס'איז דערשינען נחום באַמזע'ס בוך לידער, וואָס ער האָט, מיט דעם סימבאָל פון אַ קלאָרער וויזיע, אָנגערופן: „אַ גאַסט אין פאַרנאַכט".

אויפן ערשטן בלעטל איז פאַראַן צו מיר אַ צושריפט:
„אין אַ טראַגישער שעה".

דאָס בוך איז דערשינען אין יאָר ניינצן הונדערט ניין און דרייסיק, אין וואַרשע; אַרויסגעגעבן פון דער ביבליאָטעק פון יידישן פען קלוב, און איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן פונקט אין יענעם טאָג, ווען דער גרויס־מערדער פונם יידישן פאָלק, האָט באַפוילן זיינע מערדער־יונגען, אַז זיי זאָלן אָנהייבן זייער שחיטה אין פוילן.

דאָס איז געווען „אין אַ טראַגישער שעה".

ס'איז געווען די טראַגישע שעה פון דער צייט אין וועלכער ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער חורבן בית שלישי.

וואָס פאַר אַ טראַגישע שעה דאָס איז געווען פאַרן יידישן פאָלק. דער ייד איז פאַרברענט געוואָרן אין אַ גהנים, וואָס קיינער האָט נאָך ניט באַשריבן, און ניט אויסגעמאָלן, אַ גהנים מיט לעבעדיקע יסורים, וואָס איז ניט געהערט און ניט געזען געוואָרן דורך דער צייט פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

דורך דעם דאָזיקן חורבן וואָס די דייטשן האָבן אָנגעמאַכט, איז דאָס יידישע פאָלק אין צאָל געבליבן מיט אַ דריטל וויניקער.

אין דעם בוך זענען פאַראַן צוויי און צוואַנציק לידער. זיי געהערן צו דער סאַמע איידלסטער ליריק אין אונזער ליטעראַטור; און אפשר אויך צו דער סאַמע זעלטענער ליריק, וואָס מיר פאַרמאָגן.

די לידער קענען דינען ווי אַ בולטער באַוויז, ווי אַזוי אַ פאָרשטעלונג קען געפאָרמט ווערן אין דער קלאָרסטער וויזיע. אַ פאָרשטעלונג וואָס קען מחיה זיין דעם מלאך המות אַליין, און אים לאָזן גיין אויף אַ בריק, וואָס הענגט צווישן חלום און וואָר; דאָס זענען יענע פאָרשטעלונגען, וואָס פירן זייערע סימבאָלן אויף שליאַכן, וועלכע זענען אינגאַנצן ניט אָפּהענגיק פון קאָנקרעטע אמתן, מיט זייער גלאַטן, ממשותדיקן שכל. די דאָזיקע פאָרשטעלונגען באַוועגן זיך מיט רעלאַציעס פון זאַכן און לעבנס, וואָס האָבן זיך אַן אייגענע אינערלעכע וועלט, מיט אַן אייגענער לאָגיק, און מיט אַן אייגענער מאָראַל. פון יענער־וועלט אַרויס, שאַפט דער דיכטער נייע געזעצן פאַר דער קונסט.

אויפן צווייטן בלעטל איז פאַראַן אַ ליד, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונם בוך: „אַ גאַסט אין פאַרנאַכט".



איך געדענק אַלץ נאָכאַנאַנד:
די זון האָט געגליט, געגליט און פאַרגאַנגען.
פאַרן גאַניק האָט די קאַץ געטאַנצט מיט אַ שטרוי
און דער ווינט געוויקט די זאַנגען.
דער טאַטע האָט געטרונקען טיי
און די מאַמע געוואַשן ס'געשיר;
ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר
און שטיין געבליבן פאַר מיר מיטאַמאָל,
ווי די שיינע פאנע פון אונזער שול.

„ס'קאָצל קומט, ס'קאָצל קומט, אַ גאַסט" —
האָט די מאַמע געשמייכלט און פאַריכט די הויב.
און ער — האָט אַרויסגענומען פון קישל אַ ווייסע טויב
און מיר הערלאַנגט.
נאָר איך האָב זיך געשראָקן און אַוועק
הינטער דער שאַנק.

„און דאָס איז אונזער מיזינעק, דער קלענסטער,
נחום, קום אַהער צום פענסטער
און גיב אַ קוש דעם גאַסט אין דער האַנט".
(איך געדענק אַלץ נאָכאַנאַנד)
איך האָב אַ קוש געטאָן דעם טויט
און דערפילט: מיינע באַקן ווערן רויט —
אַ בראַנד — — — — —

די מאַמע האָט אויפגענומען דעם גאַסט מיט דער פשטות און מיט דעם וואָכעדיקן שכל, מיט יום־טוב'דיקייט, און מיט דעם ברייטהאַרציקן יידישן ברוך הבא, וואָס וואָרצלט אין דער טראַדיציע פון דער יידישער היים. ס'איז ניט קיין חילוק אין וועלכן שטעטל די יידישע היים איז געווען. ענלעך איז געווען די יידישע היים פון סאַסאָוו, דעם דיכטער באַמזע'ס היים, צו די היימען פון די יידן אין אַנדערע שטעטלעך, אומעטום איז דאָס יידישע לעבן געווען פול מיט טראַגיק־קאָמישע־פּאַסירונגען; אַזוי אָרים און עקשנותדיק איז דאָס יידישע לעבן געווען; ס'איז געווען דער גוטער מאַמעס היים, דער גוטער מאַמעס בטחון, דער גוטער מאַמעס גראָדער שכל...

אָבער דער דיכטער האָט מיט זיין רוח־הקדש דערזען אינם גאַסט, יענעם אורח, וואָס גייט אויף די טירן און פירט דעם טויט ביי דער האַנט.

באַמזע האָט דערקענט דעם מלאך המות, וואָס האָט אינם יאָר ניינצן הונדערט ניין און דרייסיק, געשוועבט איבער יידישע הייזער, און איז אויך ביי זיי אין דער היים געווען „אַ גאַסט אין פאַרנאַכט"...

אַזויפיל יידישע הייזער, אַזויפיל טירן, און אומעטום האָט דער מלך המות אָפּגעטרעטן, און אומעטום האָט מען אים אויפגענומען מיט דער גאַנצער ברייטהאַרציקייט פונם יידישן גורל; אומעטום איז ער געבליבן אַ גוטער ייד.

דער דיכטער האָט אים אויך געגעבן אַ קוש אין דער האַנט; אָבער ער האָט אים דערהערט און דערזען, און ער האָט אים דערקענט...

די מאַמע האָט אים ניט דערקענט. פאַר איר איז ער געווען „אַ גאַסט", פאַרן דיכטער, דער סימבאָל פון אַ קלאָרער וויזיע. די וויזיע פון דער שטיל-סטער שטילקייט, די וויזיע פון דער טראַגיק אַליין. באַמזעס געהער איז געווען טיף און שאַרף. אין דער לופט האָט ער אויפגעכאַפּט דעם מאָמענט פון דער אָנקומענדיקער טראַגעדיע.

אין דעם פּרט פון טרוים, געהער אָן וויזיע, איז ביי באָמזען דאָ אַן ענלעכ-קייט מיטן דיכטער ריינער מאַריא רילקע, וועמען באָמזע האָט אַזוי ליב. רילקע האָט אַ קורצע אָדע אין וועלכער ער דיכטעט וועגן אַ העלד, וואָס רייט אין קריג אַריין, און זיין לעבן שטייט אין קאָן, דער העלד רייט, ער רייט דורך טעג און דורך נעכט און טראָגט אונטערן האַרץ דעם פּלאַטער פון זיין געליבטער, וועלכן ער הערט גאַנץ גענוי... רילקע איז ניט קיין ראָמאַנטיקער. אויך באַמזע איז ניט קיין ראָמאַנטיקער. ווי מיר זען דאָס פון רילקעס: „די וייזע פון ליבע און טויט פונם קאָרנעט קריסטאָפער רילקע".

רילקע קען דעם סוד פון דער וואָר און ער קען אויך דעם סוד פון דעם טרוים. רילקעס דיכטונג ווערט נאָך אַלץ פון אַלע ריכטונגען פאַרערט און געפאָרשט.

שורות וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר ביידע דיכטער, פאַר באַמזען, און פאַר רילקען, טרעפן מיר אין דעם ליד: „דאָס יינגל" (נאָך ר. מ. רילקע, זייט 20):

„און איינער נעבן מיר בלאָזט אַריין אונז רוים
מיט אַ טרומפּייט, וואָס בלאָזט און שרייט
און בלאָזט אַריין אַ שוואַרצע איינזאַמקייט.
מיר פאָרן אין גאַלאָפּ — אַ שנעלער טרוים:
הינטער אונז די הייזער פאַלן אויף די קני,
די גאַסן בייגן זיך קרום אַנטקעגן,
די פּלעצער מיידן אונז: מיר האַלטן זיי
און אונזער רייטן רוישט ווי אַ רעגן".

לויט די גריכן הייסט עס, אַז דעם וועמען די געטער האָבן ליב, דער שטאַרבט יונג. באָמזע איז אינם פולן זין פונם וואָרט, געווען דער ליבלינג פון די געטער וועמען זיי האָבן באַשאָנקן מיט עכטן טאַלאַנט. אַלעס אַרום אים און אין אים האָט געאָטעמט מיט עכטן חן, מיט צויבער פון יענע, וואָס האָבן פאַרזוכט דעם אַמבראַזיא געטראַנק, און געאָטעמט די לופט פונם אָלימפּ.

ווו ער זאָל זיך ניט האָבן געהאַט געפונען אין דער צייט פון אונזער טראַגישן אומקום, איז ער געשטאַנען מיטן טויט פּנים אל פּנים, און ער האָט



אים דערקענט, ווי מ׳דערקענט אַן אינטימען פריינט אין זיין טאָג טעגלעכן אויסזען.

ווי שווער אים האָט געמוזט זיין געטריבן צו ווערן, און צו זיין שטענדיק אויף דער וואָר, און צו זען די טעג, וואָס מ׳האָט מיט זייער זאַק און פּאַק צע-צעשאָסן אויף אַן אמת; אָרימע, צעבראָכענע טעג וואָס זענען געפאַלן אונטער דעם פייער פון קאַנאָנען, ווי די זאַנגען אונטער דער קאָסע פונם שניטער.

אים איז געווען אַ סך גרינגער צו לעבן אין דער וועלט פון זיין חלום. דעם חלום וואָס קיינער קען ניט גענוי געדענקען און איבערדערציילן, דעם חלום, וואָס מ׳פאַרגעסט אַזוי שנעל, ווי נאָר מ׳כאַפּט זיך אויף, האָט באָמזע געקענט אַרומנעמען מיט די הענט, ווי מ׳נעמט אַרום אַן אַלטן באַקאַנטן, אַ גוטן פריינט, אים ממש צודריקן צום האַרץ.

ווען דער חלום האָט אים אָפּגענאַרט, און ער האָט דערזען די ווירקלעכ-קייט, איז ער געוואָרן אין כעס; דאָס ליד איז געבוירן געוואָרן, און די וויזיע איז פאַרשוווּנדן.

דאָס איז דער עסטעטישער מיסטיציזם, וואָס קומט צום פאָרשיין, ווען די ווירקלעכקייט ווערט געזען און געמאָסטן מיט דעם נאַקעטן אויג פון אַן עכטן דיכטער, פאַר וועלכן די טעג מיט זייער רעאַלן לעבן, מיט זייער ממשות-דיקער גרויזאַמקייט, זענען אַ לאַסט, וואָס ער קען ניט דערטראָגן.

אויך דעם האָרעפּאַשנעם מענטשן האָט באָמזע געפּרוווט גרינגער מאַכן זיין טאָג-טעגלעכן טאָג. ער האָט אים אַריינגעפירט אין אַ שטילער לעבן, אין אַ לעבן צווישן וואָר און טרוים. אָט איז דאָס ליד: „דאָרף גייער" (זייט 24):

זיי טראָגן אויף די פּלייצעס שווערע פּעק
מיט קלאָטשע, ציבעלעס, פּעלעכער פון האָזן.
זיי גייען מיט שטילסטן גאַנג. אויף די שטראָזן
גייט זיי נאָך די שרעק.

זיי קלאַפּן אָן מיט האַרטע פינגער אין אַ טויער
און וואַרטן פאַר די שוועלן אין פאַרנאַכט,
נאָר אַלע טויערן זענען צוגעמאַכט.
אויפן קלויסטער-שפּיץ דער טרויער

פלאַטערט איבער כאַטעס פון האָלץ און ליים.
קראַנקע קראָען קראָקן אויס די שרעק
פון ווילדע וועגן, שטיינער, בלאַנקע העק
און די בענקשאַפט נאָך דער ווייטער היים.

יונגע קעלבער שרייען אויף די וועגן
צו קראָסע קי אין וואַרימע שטאַלן.
די גייער האַנדלען איין לעצטע שטראַלן
און טראָגן זיי דער נאַכט אַנטקעגן.

עֶנלעכע רילקע־מאָטיוון, (רילקע, אַ געבוירענער טשעק, האָט זער ליב געהאַט די סלאַווישע לאַנדשאַפט) ניט אין אַזאַ פאָלקאָמענער רייפקייט, חזרן זיך איבער אין די לידער־ביכער פון באָמזען; „אין טעג פון דער וואָך", וואָס איז דערשינען אין לעמבערג, אין יאָר 1929, און אין: „באָרוועסע טריט", „ליטעראַרישע בלעטער", דערשינען אין יאָר 1936. די מער רייפערע מאָטיוון פון יענער צייט, זענען די לאַנדשאַפטן מיט די גאָלדענע בערג און בערגלעך, וואָס שפּאַרן פון דעם פלאַך־לאַנד און דאָלינעס, צופּיסנס און צוקאָפּנס פונם קייזער־שטראָז, וואָס שניידט דורך זלאָטשאָוו. (סאַסאָוו איז אונטער זלאָטשאָוו).

„אַז ס'האָט די נאַכט, די שוואַרצע נאַכט געטוליעט זיך צו וועלט
ווערן צייטיק קערנדלעך אויף אונזער פעלד
און אַז ס'האָט דער טאָג, דער בלאָער טאָג זיך צעהעלט
שניידן מיר דעם קאָרן, שניידן מיר דעם ווייץ אויף אונזער פעלד,
„העי, העי, העי! ס'וועט אין הימל היינט זיך הייצן
וועט מען שניידן קאָרן, וועט מען פירן ווייצן". — —

די דאָזיקע סטראָפע איז גענומען פון דער: „פּאָעמע וועגן דאָרפישע פויערים און שטאָטישע דיכטער". דער טאָן פון די לעצטע צוויי שורות, איז נאָך די רוטענישע פאָלקס־מאָטיוון....

באָמזע האָט אויך געמאַכט איבערדיכטונגען פון דער אַלט־כינעזישער פּאָעזיע. באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט דעם כינעזישן דיכטער לי־טאַי־פּע. די איבערדיכטונגען פון דער אַלט־כינעזישער פּאָעזיע, האָט ער פאַרטיק געמאַכט נאָך העט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה. ער האָט זיך דעמלט געפונען אין וואַרשע. דאָס איבערטראָגן זיך אין אַן אַנדערער דיכטערישער וועלט, איז ניט געווען פון מידקייט, אָדער פון לאַנגווייליקייט ביי זיך אין דער היים; ער איז געגאַנגען צו גאַסט, צו דער כינעזישער דיכטונג, בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט דאָרט געפונען אַזעלכע נאָנטע פריינט ווי וואַנג־סענג־יו, שי־קינג, לי־אָ־עי, מו־פו און אַנדערע. אין זייער דיכטונג, האָט ער געפונען אַן ענלעכקייט, וואָס האָט אַנטשפּראָכן זיין געמיטס־צושטאַנד.

אָט איז אַ דיכטונג, „נאַכט־בילד" (נאָך טשאַן־יו־סו, זייט 23):

פון ווינט צעוויגט כוואַליעט אויף דער טייך —
באַלד וועט ער ווידער אין זיינע ברעגעס שטימען.
די פיש טאַנצן. זייערע לייבער לייכטן,
ווי אין דער נאַכט די לאָטאָס־בלומען.

די לבנה שווימט דורך טונקעלע צווייגן
שטיל און פאַרטראַכט. דאָס זילבער פון דער נאַכט,
דער קילער טוי, ווי ווייסע פערל,
לייכטן אויף אין בלאָען שווייגן.



ווען באָמזע האָט אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן זיינע לידער איז אין גאַליציע ניט געווען קיין ליטעראַרישע סביבה. דער פאַרנאַס איז געווען אין וואַרשע. נתגלה ווערן האָט מען געקענט נאָר אין וואַרשע, און דאָס איז אין יענע יאָרן ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג. וואַרשע, דאָס יידישע ליטעראַרישע וואַרשע, איז נאָכן ערשטן וועלט קריג געווען פאַרכאַפּט פונם וווּלגאַר־רעאַליזם, וועלכער איז געווען שטאַרק אין דער מאָדע, און פון וועלכן מ'האָט געמאַכט אַ גאַנצן צימעס. אַזעלכע שטילע טענער, ווי באָמזעס, האָט מען קוים, קוים דערהערט.

ערשט שפּעטער האָט זיך גענומען אויסשיילן די גרופּע „יונג גאַליציע", וואָס האָט גענומען צוטראָגן איר „צושטייער" צו דער יידישער ליטעראַטור. די ליטעראַרישע זאַמל־שריפטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן דערשיינען, האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט אין רוסלאַנד, פוילן און אַמעריקע. ס'זענען שנעל באַקאַנט געוואָרן די נעמען פון די דיכטער ישראל אשנדאָרף, בער שנאַפּער, יעקב שודריך, דבורה פאָגעל און נחום באָמזע.

יעדער פון די יונגע דיכטער איז געקומען מיט אַן אָריגינעלן טאַלאַנט, מיט קולטור, און מיט אַ סך יידיש־ליטעראַרישער טראַדיציע, טראַדיציע פונם יידישן פאָלקס־ליד און גרויסער פאַרשטענדעניש פאַר דער געניאַלער דיכטונג פון משה לייב האַלפּערן. די דאָזיקע גרופּע יונגע דיכטער האָבן געשלאָסן אַ רינג פון אונטער וועלכן יעדער האָט מיט זיין טעמפּעראַמענט פאַרטיידיקט דעם אָנגריף אויף דער יידישער קולטור, מצד דער אַסימילאַציע, און געקעמפט מיט נייע קינסטלערישע פאָרמען קעגן דער נויט און אָפּגעשטאַנענקייט פונם דאָרטיקן לעבן און פון דעם דאָרטיקן יידן.

אויך נחום באָמזע האָט געהאַט אַ באַשטימטע וועלטאַנשויאונג. ער איז סאָציאַל געווען פאַרבונדן מיט דעם יידישן פאָלקס־מענטש, מיט דער יידישער נויט און מיט דער אָרימקייט פון די יידן אין גאַליציע.

די פאַשיסטישע האָרדן וואָס זענען איבערגעפאַלן די שטעט און שטעטלעך, זיי פאַרניכטעט, און די יידן אויסגעמאָרדעוועט, האָבן דעם רינג געבראָכן. ס'האָבן זיך בלויז געראַטעוועט ישראל אשנדאָרף, צו לאַנגע יאָר, און נחום באָמזע. נאָכן חורבן האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט זוכן נייע יידישע ישובים.

באָמזע האָט געוואַנדערט פון רוסלאַנד צוריק קיין פוילן, און איבער שוועדן און פאַריז, קיין אַמעריקע. דאָרט האָט ער געפונען אַ גרויסן יידישן ישוב און אַ סך פריינט, נאָר זיין חלום איז פלוצים געוואָרן איבערגעריסן. ער איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק מיט עטלעכע וואָכן צוריק. נחום באָמזע איז אַלט געווען אַכט און פערציק יאָר.

ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון"
קומט צו די יידיש ליטעראַרישע שבת נאַכמיטאָגס

אהרן ר. ראָלין

# צו די שלושים פון פּראָפעסאָר זעליג בראָדעצקי ז״ל

עס האָט זעלטן וועןן פּאַסירט אַז דער טויט פון אַ יחיד זאָל אַרויסרופן אַזוי פיל טרויער צווישן אַלע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט אין ענג־לאַנד, און אין דער גאַנצער וועלט ווו יידן געפינען זיך, ווי אין דעם פאַל פון פריצייטיקן טויט פון זעליק בראָדעצקי, וועלכער איז אין גאַנצן אַלט געווען 66 יאָר. ספּעציעל האָבן דעם גרויסן פאַרלוסט געפילט די ברייטע יידישע מאַסן, די איינגעוואַנדערטע אַזוי ווי ער פון מזרח־אייראָפּע און זייערע קינדער פאַר וועמען דער פאַרשטאָרבענער איז געווען אַ חבר, אַ פירער, אַ לערער און אַ שטאָלץ פאַר כמעט 50 יאָר.

ער איז געקומען פון אַ קליין שטעטל אין אוקראַינע ווען ער איז אַלט געווען פינף יאָר און געלעבט אין לאָנדאָנער איסט־ענד מיט זיינע עלטערן און גרויסע משפחה אין שרעקלעכער נויט. ער האָט געלערנט אין אַן איסט־ענדער תלמוד תורה און אין דער יידישער פרי־סקול. אַ דאַנק זיינע נאַטירלעכע פעאיקייטן האָט ער געוונען פאַרשידענע סקאָלאַרשיפּס דורך וועלכע ער האָט



פּראָפעסאָר דר. זעליג בראָדעצקי

שטודירט פריי אין אַ מיטל־שולע, און אין 1906 טרעט ער אַריין אַלס סטודענט אין קעמברידזש אוניווערזיטעט. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט בראָדעצקי גע־וונען דעם טיטול „סיניאָר ראַנגלער" וועלכער איז די העכסטע אויסצייכנונג פאַר מאַטעמאַטישע סטודענטן אין דעם באַרימטן אוניווערזיטעט.

דאָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער ענגלישער פּרעסע און אַ סך



אַרטיקלען זיינען דאַן געשריבן געוואָרן צו גונסטן די יידישע אימיגראַנטן.

צווישן די יידן האָט עס געוויס אַרויסגערופן זער פיל פרייד, און אפילו די באָארד אָף דעפּוטיס האָט דורכגעפירט אַ פּאַסיקע רעזאָלוציע וועגן דעם.

אין 1912 פאָרט בראָדעצקי (ווידער דורך אַ סקאָלאַרשיפּ) אין לייפּציגער אוניווערזיטעט און נאָך 18 חדשים באַקומט ער דעם דאָקטאָר דיפּלאָם און פאָרט צוריק נאָך ענגלאַנד. (אין לייפּציג האָט ער שטודירט מאַטעמאַטישע אַסטראָנאָמיע).

זיין לעבנסלאַנגע אינטענסיווע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע טעטי־קייט וועלכע ער האָט אָנגעהויבן נאָך אין זיין יוגנט איז געווען אַזוי פאַרצווייגט און פילזייטיק אַז כדי צו האָבן אַ בעסערן באַגריף וועגן דעם וועל איך עס איינפּאַסן, ווי ווייט מעגלעך, אין דריי באַזונדערע ראַמען: אַקאַדעמישע, ציו־ניסטישע און געזעלשאַפטלעכע. זיין אַקאַדעמישע קאַריערע הויבט ער אָן אין 1914 אַלס לעקטאָר אין אַפּלייעד מאַטעמאַטיקס אין אוניווערזיטעט פון בריס־טאָל ווו ער איז טעטיק עטלעכע יאָר. דורך יענער צייט באַקענט ער זיך דאָרט מיט זיין געטרייע לעבנסבאַגלייטערין מאַניאַ בערנבלום, אַ געבוירענע אין ביאַליסטאָק, וועלכע איז געקומען מיט איר פאַמיליע אַלס פּליטים פון בעלגיע אין דער ערשטער וועלט מלחמה. אין 1919 האָבן זיי חתונה און אין זעלבן יאָר נעמט בראָדעצקי אָן אַ שטעלע אַלס לעקטאָר אין דעם פיל וויכטיקערן אוני־ווערזיטעט פון לידז. די בראָדעצקיס האָבן צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער.

אין לידז האָט בראָדעצקי שנעל פּראָגרעסירט אין זיין קאַריערע. ער ווערט פּראָפעסאָר אין 1924 און נעמט שפּעטער איבער די פירערשאַפט פון גאַנצן מאַטעמאַטישן פאַקולטעט. ער איז געווען אַ באַליבטער און געשעצטער לערער אין אוניווערזיטעט און אַ גלענצענדער פּאָפּולאַריזאַטאָר פון וויסנ־שאַפטלעכע טעאָריעס. זיינע עפנטלעכע לעקציעס וועגן אַסטראָנאָמיע אָדער וועגן פּראָפעסאָר איינשטיינ׳ס טעאָריעס פלעגן שטענדיק באַזוכט ווערן פון אַ גרויסן און דאַנקבאַרן עולם. בראָדעצקי איז געווען שטאָלץ מיט זיינע תלמידים אין לידזער אוניווערזיטעט פון וועלכע אַ גאַנץ היבשע צאָל זיינען געוואָרן באַרימטע מאַטעמאַטיקער און פיל געהאָלפן אויף פאַרשידענע געביטן דער ענגלישער רעגירונג אין צווייטן וועלט קריג.

דער באַקאַנטסטער פון זיינע תלמידים איז פּראָפעסאָר לואיס ראָזענהעד, אַ זון פון אַ לידזער יידישן קצב, וועלכער איז אין עלטער פון בלויז 27 יאָר באַשטימט געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר פון עראָנאָטיקס (לופט־פליערײ וויסנ־שאַפט) אין ליווערפּולער אוניווערזיטעט.

פּראָפעסאָר בראָדעצקי האָט אויך אָנגעשריבן אייניקע וויסנשאַפטלעכע ביכער וועגן מאַטעמאַטיקס, עראָנאָטיקס און אַסטראָנאָמיע וועלכע זיינען אי־בערזעצט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן. זיין ביישטייער צו וויסנשאַפט אין אַלגעמיין און ספּעציעל צום לידזער אוניווערזיטעט איז פולשטענדיק אַנער־קענט געוואָרן פון די דאָרטיקע אויטאָריטעטן. זיי האָבן אים באַשטימט פאַר זייער ערן פּראָפעסאָר ווען ער האָט אין 1949 רעזיגנירט כדי איבערצונעמען

זיין אַמט אַלס פּרעזידענט פון ירושלימער אוניווערזיטעט.

מיר גייען איבער איצט צו זיין ציוניסטישער טעטיקייט וועלכע האָט זיכער פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין זיין ענערגישן און פרוכטבאַרן לעבן.

ער האָט אָנגעהויבן זיין ציוניסטישע אַרבעט נאָך זייענדיק אַ סטודענט אין קעמברידזש און אין לייפּציגער אוניווערטיטעט, און שפּעטער אין בריסטאָל האָט ער אָפּגעגעבן אַ סך צייט פאַר ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע און איז דערווײַלט געוואָרן צום עקזעקוטיוו פון דער ענגלישער ציוניסטישער פעדעראַציע.

ווען בראָדעצקי איז אין 1919 געקומען אויף זיין שטעלע אין לידזער אוניווערזיטעט האָט ער שוין מיטגעבראַכט אַ רעפּוטאַציע אַלס אַ גוטער רעדנער, שרייבער און פּראָפּאַגאַנדיסט פאַרן ציון אידעאַל. לידז — אַ גרויסע ענגלישע שטאָט מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון אומגעפער דרייסיק טויזנט, כן ירבו, און אויך די דערבייאיקע קלענערע יידישע קהילות פון שעפילד, הול, האַראָגייט, גרימסבי און אַנדערע זיינען געוואָרן אַ פרוכטבאַרער באָדן פאַר זיין פּראָפּאַגאַנדע.

די ציוניסטישע באַוועגונג וועלכע איז דאַן געווען קאָנצענטרירט אין קליינע גרופּן איז דורך בראָדעצקיס צייט אין לידז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. בראָדעצקי׳ס איינפלוס איז געשטיגן אַלץ העכער אין גאַנץ ענגלאַנד און אויך אין אויסלאַנד און אין 1928 ווערט ער דערווײַלט צום עקזעקוטיוו פון דער ציוניסטישער וועלט אָרגאַניזאַציע און אַלס דער הויפּט פירער פון פּאָליטישן דעפּאַרטמענט.

פון דאַן אָן, פאַר 20 יאָר צייט, האָט בראָדעצקי אַריינגעלייגט אַזוי פיל אַרבעט אין זיין ציוניסטישער און אַנדערע טעטיקייטן אַז מענטשן האָבן זיך געוואונדערט ווי אַזוי עס איז מעגלעך געווען עס פיזיש דורכצופירן. יעדער פון זיינע אַמטן, סיי אַלס פּראָפעסאָר אין אַ גרויסן אוניווערזיטעט און סיי אַלס לייטער פון פּאָליטישן דעפּאַרטמענט פון דער ציוניסטישער וועלט אָרגאַניזאַציע האָט געפאָדערט די פולע אַרבעטס־צייט פון אַ געוויינלעכן מענטש. בראָדעצקי איז אָבער געווען אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש און באַוויזן צו צעטיילן זיין צייט צווישן לידז און לאָנדאָן און דורכגעפירט די אַרבעט פון ביידע אַמטן אויף אַ גלענצענדן אופן. דערצו נאָך האָט ער געפונען צייט צו רעדן אויף פאַרזאַמלונגען און פאַר זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. בלויז זיין שטאַרקער גייסט און קרעפטיקער קערפּער האָבן געקענט אויסשטיין אַזאַ אומנאָרמאַלע אָנשטרענגונג.

איך האָב געהאַט די פּריווילעגיע זיך צו באַקענען מיט בראָדעצקי׳ן באַלד נאָך זיין קומען אין לידז, ווו איך האָב דאַן געוווינט, און אָפּטמאָל מיטצואַרבעטן מיט אים. מיר איז אויך איינִיקע מאָל אויסגעקומען צו פאָרן מיט אים אין זעלבן וואַגאָן אויף זיינע רייזעס פון לידז נאָך לאָנדאָן און צוריק. ער האָט אויסגענוצט כמעט יעדע מינוט פון די פיר שעה וואָס די רייזע האָט געדויערט. אויפן וועג נאָך לאָנדאָן האָט ער דורכגעבלעטערט אַ גאַנצן פּאַק ענגלישע, יידישע,



העברעאישע און דייטשע צייטונגען און זשורנאַלן, דאָ און דאָרט אויסגעשניטן אַרטיקלען און פון אַנדערע געמאַכט קורצע נאָטיצן פאַר זיין אַרבעט אין לאָנדאָן. אויפן וועג צוריק ווידער פלעגט ער זיך גריבלען אין פאַרפלאָנטערטע מאַטעמאַטישע פּאַפּירן און מאַכן נאָטיצן פאַר זיינע לעקציעס אין לידזער אוניווערזיטעט.

אָט די זעלטענע אָנשטרענגונג איז נאָך שווערער געוואָרן ווען מען האָט אים דערווײַלט סוף 1939 אַלס פּרעזידענט פון דער באָארד אָף דעפּוטיס. דאָס ברענגט אונז צו זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט וועלכע ער האָט געטון אויף זיין געוויינלעכן ווירדיקן אופן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון עקזעקוטיוו פון דער ליג אָף ניישאָנס יוניאָן, און פאַר אַ געוויסע צייט פּרעזידענט פון פאַראיין פון ענגלישע אוניווערזיטעטס לערער. ער איז אויך געווען אַ וויִיס־פּרעזידענט פון די ענגלישע „בני ברית“, פּרעזידענט פון מכבי וועלט אָרגאַניזאַציע, און גרענד קאָמאַנדער פון אָרדער „אַנשיענט מאַקאַביענס“.

זיין גרעסטע און וויכטיקסטע קהלשע אַרבעט הויבט זיך אָן אין 1940 ווען ער נעמט איבער, אַלס פּרעזידענט, די פירערשאַפט פון דער באָארד אָף דעפּוטיס פון די ענגלישע יידן. דאָס איז אַן אַלטע מיוחסדיקע קערפּערשאַפט פון וועלכע משה מאָנטעפיאָרע איז געווען פּרעזידענט פאַר יאָרן לאַנג. בראָדעצקי איז געווען דער ערשטער נישט־ענגליש געבוירענער ייד צו פאַרנעמען דעם גרויסן פּאָסטן. די טראַדיציע פון דער קערפּערשאַפט איז אַז נישט נאָר רעפּרעזענטירט זי די יידישע איינוווינער פון מלכות ענגלאַנד, נאָר זי רעאַגירט אויך אויף יידישע געשעענישן אין דער גאַנצער וועלט. און ווען נאָך אין דער יידישער געשיכטע זיינען פאָרגעקומען אַזעלכע קאָלאָסאַלע געשעענישן, סיי טראַגישע, סיי העראָאישע, סיי דערפרייענדע, ווי אין די יאָרן פון 1940־1948 ווען בראָדעצקי איז געווען פּרעזידענט פון דער באָארד אָף דעפּוטיס? דאָס זיינען געווען די יאָרן פון גרויסן חורבן פון אויסראָטונג פון אַ דריטל פון אונזער פאָלק דורך היטלערס רוצחים. דאָס איז אויך געווען די צייט פון ביטערן קאַמף קעגן ערנעסט בעווינס אַנטי־ציוניסטישע און אַנטי־יידישע פּאָליטיק. עס איז אָבער אויך געווען די צייט פון געבורט פון מדינת ישראל און פון העראָאישן קאַמף פאַר איר עקזיסטענץ. אויף דעם אַלעם האָט בראָדעצקי רעאַגירט אויף אַ מוטיקן און שטאָלצן אופן.

ווען אין 1946 איז אין לאָנדאָן פאָרגעקומען אַ יידישע פּראָטעסט דעמאָנסטראַציע קעגן בעווינס ברוטאַלע אַטאַקעס אויפן ישוב און קעגן די אַרעסטן פון די דאָרטיקע פּראָמינענטסטע יידישע פירער, האָט בראָדעצקי מאַרשירט אין דער דעמאָנסטראַציע אין דער ערשטער ריי. אַ סך פון די פריערדיקע אָנפירער פון דעם ענגלישן יידנטום, די אַנגליזירטע יידן, זיינען נישט געווען צופרידן מיט בראָדעצקיס האַנדלונג און באַשולדיקט אים און זיינע חברים אין פאַרכאַפּן און אויסנוצן די באָארד אָף דעפּוטיס פאַר ציוניסטישע צוועקן. בראָדעצקי האָט אָבער נישט געזען קיין קעגנזאַץ צווישן יידישע און ציוניסטישע צוועקן און האָט געוווסט אַז אין זיין האַנדלונג האָט ער די צושטימונג

פון דער איבערוועגנדער מאַיאָריטעט פון די יידן אין ענגלאַנד.

בראָדעצקי האָט זער פיל מקריב געווען צוליב זיין טריישאַפט צו זיין אַרבעט פאַר ציוניסטישע און יידישע צוועקן. עס איז באַקאַנט אַז איניקע רייכע יידישע אינדוסטריאַליסטן האָבן אים אָנגעבאָטן אַ שטעלע מיט אַ געהאַלט וואָס וואָלט געווען דריי מאָל אַזוי גרויס ווי זיין געהאַלט אַלס פּראָפעסאָר אין אוניווערזיטעט. ער האָט עס אָבער נישט אָנגענומען, ווייל עס וואָלט אים נישט געבליבן גענוג צייט פאַר זיינע ציוניסטישע און קהלשע טעטיקייטן.

אין 1948 ווען דר. ווייצמאַן ז״ל איז אַוועק נאָך ישראל אַלס איר ערשטער פּרעזידענט, איז פּראָפעסאָר בראָדעצקי, זיין נאָענטער חבר און מיטאַרבעטער, דערווילט געוואָרן אויף זיין פּלאַץ אַלס פּרעזידענט פון דער ענגלישער ציוניסטישער פעדעראַציע.

נאָכן טויט (אין אָקטאָבער 1948) פון דר. מאַגנעס ע״ה, דעם פּרעזידענט פון ירושלימער אוניווערזיטעט, איז קלאָר געוואָרן פאַר יעדע אינטערעסירטע פּערזאָן אַז דער פּאַסענדסטער מענטש איבערצונעמען דעם אַמט איז פּראָפ. בראָדעצקי, און ער איז טאַקע באַשטימט געוואָרן אויף דעם פּאָסטן אין יאַנואַר 1949. אַלע זיינע פריינט זיינען געווען העכסט צופרידן וואָס דער אונערמידלעכער בראָדעצקי וועט זיך קענען אויסלעבן זיינע יאָרן אין דער יידישער מדינה צו וועמענס גרינדונג ער האָט אַזוי פיל בייגעטראָגן, און אַלס פּרעזידענט פון זיין באַליבטן ירושלימער אוניווערזיטעט מיט וועלכן ער איז געווען פאַרבונדן זינט זיין גרינדונג. פאַר איבער 20 יאָר איז ער געווען גאָווערנאָר און זינט 1945 דער וויצע־פּרעזידענט פון דעם ראַט פון ירושלימער אוניווערזיטעט. אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָט מען געמעגט האָפן אַז זיין נייער בכבודיקער אַמט וועט זיין אַ גרויסער דערפאָלג סיי פאַר בראָדעצקי׳ן און סיי פאַרן אוניווערזיטעט. ליידער אָבער איז עס געווען אַנדערש. עס האָבן זיך באַלד ענטוויקלט סכסוכים צווישן דער אַדמיניסטראַציע און דעם נייעם פּרעזידענט וועגן דער אַרבעט פון און פאַר דעם אוניווערזיטעט וועלכע האָבן אים פאַרשאַפט זער פיל עגמת נפש. אין פרילינג 1950 האָט ער געהאַט אַ האַרץ־אַטאַקע וועלכע האָט אים זער פיל אָפּגעשוואַכט, און די ווייטערע חילוקי דעות האָבן אים קיין געזונט נישט צוגעגעבן. די לאַגע האָט זיך פאַרשאַרפט און צום סוף 1951 קומט ער צוריק נאָך ענגלאַנד און האָט געשיקט אַ לאַנגען מעמאָראַנדום צו די גאָווערנאָרס מיט זיינע רעקאָמענדאַציעס פאַרן אָנפירן דעם אוניווערזיטעט. באַלד נאָך דעם, אין אָנפאַנג פון 1952 רעזיגנירט ער פון זיין אַמט אַלס אוניווערזיטעטס פּרעזידענט.

צו יענער צייט האָב איך אים באַזוכט אין לאָנדאָנער אטענעאום האָטעל ווו ער האָט געוווינט אַ געוויסע צייט נאָך זיין צוריקקומען פון ישראל. איך האָב געפּלאַנט צו האָבן מיט אים אַ לאַנגען שמועס וועגן זיינע איבערלעבונגען אין ישראל פאַר אַן אַרטיקל וואָס איך האָב געוואָלט שרייבן פאַרן „טאָג־מאָרגן זשורנאַל“. ווען פרוי מאַניאַ בראָדעצקי האָט מיך אַריינגערופן אין צימער און איך האָב זיך באַגריסט מיט איר און מיט איר מאַן, איז מיר פּשוט דאָס



האַרץ פאַרקלעמט געוואָרן פון בראָדעצקיס אויסזען. עס איז געשטאַנען פאַר מיר אַ שאָטן פון דעם פריערדיקן פעסט געבויטן ברייטפּלייציקן פּראָפעסאָר מיט זיין רונדן פּנים און פריינטלעכן שמייכל וועמען איך האָב געקענט אַזוי פיל יאָרן. ער האָט אויסגעזען נידעריקער, דינער, איינגעשרומפּן אין קערפּער און אין פּנים. ווען איך האָב אים געשטעלט עטלעכע פראַגן האָב איך געזען אַז עס איז אים געווען שווער צו רעדן, און ווען זיין פרוי האָט אַנטייל גענומען אין געשפּרעך וועגן זייערע איבערלעבונגען אין ישראל האָבן זיך טרערן געגאָסן פון אירע אויגן. אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָב איך נישט געקענט אָנגיין מיט מיין פּלאַן און דער אַרטיקל איז דאַמאָלט נישט געשריבן געוואָרן. איך וויל דאָ קיינעם נישט באַשולדיקן אין די אונאַנגענעמע און זאָגאַר טראַגישע איבערלעבונגען פון די בראָדעצקיס אין ישראל. עס איז באַקאַנט אַז איניקע רעקאָמענדאַציעס פון בראָדעצקיס מעמאָראַנדום וואָס ער האָט געשיקט איידער ער האָט רעזיגנירט זיינען שפּעטער אָנגענומען געוואָרן, און מען דאַרף האָפן אַז דער נייער און מער ווירדיקער סטאַטוס פון דעם פּרעזידענט פון ירושלימער אוניווערזיטעט וועט אין דער צוקונפט קלאָר דעפינירט ווערן אַזוי אַז עס זאָלן מער קיין חילוקי דעות וועגן דעם נישט פאָרקומען.

איך וויל אָבער דאָ פעסטשטעלן (און דאָס איז געווען בראָדעצקיס ווונטש) אַז זיינע סכסוכים מיט דער פירערשאַפט פון ירושלימער אוניווערזיטעט האָבן אויף קיין פאַל נישט אָפּגעשוואַכט זיין איבערגעבענהייט צום אוניווערזיטעט זעלבסט און צו מדינת ישראל וועמען ער איז טריי געבליבן ביז זיין לעצטן אָטעם. פאַר די לעצטע פאָר יאָר איז ער קראַנקערהייט אויפגעטראָטן אויף מיטינגען צו אַפּעלירן פאַר ביידענס אונטערשטיצונג.

אין דעם ענגליש־יידישן לעבן איז דער פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר בראָדעצקי געווען די פאַרקערפּערונג און פיינסטער רעפּרעזענטאַנט פון אַ נייער היסטאָרישער תקופה. דאָס איז די תקופה פון דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער העגעמאָניע פון די מזרח־איראָפּעאישע יידן אין דער פירערשאַפט פון די יידישע קהילות אין מלכות ענגלאַנד.

ביז מיט עטלעכע צענדליק יאָרן צוריק איז די פירערשאַפט געווען כמעט אין גאַנצן אין די הענט פון די ענגלישע יאַהודים וועלכע האָבן מערסטענטייל באַטראַכט די צענדליקער טויזנטער אָרעמע יידישע אימיגראַנטן אַלס קאַנדידאַטן פאַר צדקה, און געקוקט אויף זיי אין בעסטן פאַל מיט רחמנות, אָבער גאַנץ אָפט מיט שנאה פאַרן צושטערן זייער רואיקן, כמעט שוין אַסימילירטן, לעבן אין ענגלאַנד.

די קינדער און איניקלעך פון די אימיגראַנטן וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט די פּריווילעגיעס פון ענגלישער בילדונג און ענגלישער פרייהייט, האָבן דורך זייער פעאיקייט, פלייס און ענערגיע זיך דערוואָרבן בכבודיקע פּאָזיציעס אין אַלגעמיינעם ענגלישן לעבן און אויך אַריינגעדרונגען אין דער פירערשאַפט פון יידישן לעבן, ווו זייער איינפלוס האַלט אין איין וואַקסן. דער נאָמען זעליג בראָדעצקי שיינט ווי אַ ליכטיקער שטערן אין אָט דער נייער תקופה.

קייטי בראון

## די נייע שוישפּילערין חיהלע שיפּער אין גרענד פּאַליי

זער זעלטן קומען צו אונז אַראָפּ אַזעלכע טאַלענטירטע אַרטיסטן ווי עס איז דער איצטיקער גאַסט חיהלע שיפּער, וועלכע גאַסטראָלירט איצט אין גרענד פּאַליי.

חיהלע שיפּער איז איינע פון די גאָט געבענטשטע טאַלאַנטן אויף דער יידישער בינע. זי באַזיצט אַלע מעלות וועלכע אַן אַקטריסע דאַרף און מוז האָבן. איר שפּילן איז אַנגענעם קונסטפול און ווירקט ווי באַלזאַם אויף אָנגעשטרענגטע נערוועז. דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסע דערגרייכונג פון אַ שוישפּילער. אָן אונטערשיד פון דער פּיעסע אין וועלכער זי טרעט אויף, דראַמע אָדער קאָמעדיע, באַגייסטערט זי דעם צושויער און באַהערשט די בינע. זי באַזיצט פּערזענלעכקייט, עמאָציע, אַ באַוועגלעכע פיגור און זשעסטיקולאַציע, אַ שיין אינטעליגענט פּנים, וועלכעס מאַכט אַ גוטן איינדרוק גלייך ביים דערשיינען אין איר ראָלע. אויך באַזיצט זי אַ האַרציקע אַנגענעמע שטימע, וועלכע זי ווייסט ווי אַזוי צו קאָנטראָלירן. זי רייסט פּשוט מיט אין אירע ערנסטע לידער און סצענעס, און ווערט באַדאַנקט מיט הילכיקע אָוואַציעס. דאָס זעלבע באַווייזט זי אין כאַראַקטער סצענעס. איר חנעוודיקער שמייכל מאַכט זי באַליבט ביים עולם.

איך קען זאָגן מיט זיכערקייט אַז אין די לעצטע יאָרן האָבן מיר נישט געהאַט דאָ אַזאַ אַלזייטיקע קינסטלערין, וועלכע צייכנט זיך אויס אויף אַלע געביטן.

אַ גרויסן דאַנק קומט דערפאַר די מענעדזשמענט פון גרענד פּאַליי מיט מאַדאַם אייזיקאָוויטש בראש און מיר האָפן אַז זי וועט נאָך דאָ פאַרבלייבן מיט אונז פאַר אַ לענגערער צייט, און אַז דער עולם וועט אָנפילן דאָס טעאַטער, אָן אויסנאַם וועלכע פּיעסע עס וועט געשפּילט ווערן.

פאַרשטייט זיך, אַז אַ גרויסן חלק צום דערפאָלג טראָגן ביי די באַגאַבטע שוישפּילער פון דער חברים טרופּע, די קינסטלער, הערי אריעל, פּאול גאָלדשטיין, עוואַ זיידמאַן, דוד און מעטאַ סעגאַל, בערנאַרד מענדעלעוויטש, יאָזעף מאַרקאָוויטש, מילי טשיזיק, און די קליינע סידי סקאָפּ.

אָבער וועגן דער אויסצייכנונג פון די קינסטלער, אַ צווייטן מאָל.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. שבת, 3 אַזייגער

שבת, דעם 19־טן יוני — געווידמעט דעם שאַפן פון נחום באָמזע און שמערקע קאַטשערגינסקי. עס וועלן ריידן מאָריס מינדעל און י. א. ליסקי.

שבת, דעם 26־טן — פרילינג אין דער יידישער פּאָעזיע.

שבת, דעם 3־טן יולי — דעם אָנדענקן פון אסתר קרייטמאַן, ע"ה.

שבת, דעם 10־טן — 300 יאָר יידן אין אַמעריקע.

שבת, דעם 17־טן — זומער אין דער יידישער פּאָעזיע.



## יובל באַנקעט לכבוד ל. ש. קרעדיטאָר

דער פאַריין „פריינט פון יידיש לשון" האָט איינגעאָרדנט דינסטאָג אין אָונט, דעם 18־טן מאי, אַ יובל־באַנקעט אין דער אַדלער האָל לכבוד דעם שרייבער ל. ש. קרעדיטאָר, וועלכער האָט זוכה געווען צו דערגרייכן זיין פינף און זיבעציקסטן געבורטס־טאָג און פופציק יאָר ליטעראַריש־זשורנאַליסטישע טעטיקייט.

דער חשובער יובילאַר, ווי אונזער פּאָרזיצער א. נ. שטענצל האָט אָנגעוויזן, האָט אין ווייטשעפּל געשריבן פאַר אַלע שיכטן יידן פון דער גאָרער וועלט; ווייטשעפּל איז נישט סתם אַ גאַס אין לאָנדאָן, נאָר אַן אָרט וווּ יידן פון איבעראַל האָבן זיך באַזעצט; אַן אָרט וווּ יידישע אינסטיטוציעס, דאָס טעאַטער בתוכם, געפינען זיך.

זאָל אונזער ליבער ל. ש. קרעדיטאָר נאָך געפינען אַ סך כח כדי אָנצוגיין מיט זיין שרייבן און שאַפן.וכל המרבה . . . הרי זה משובח.

מיט רעדעס זיינען נאָך אַרויסגעטרעטן ש. י. הארענדאָרף אין נאָמען פון זשורנאַליסטן פאַראיין, בן־א. סאָכאַטשעווסקי, פאַר „דער יידישע שטימע", פּרוי דון יחיא אין נאָמען פון „רידינג רום", י. ביעטש פאַר „לשון און לעבן" און דער בעל יובל אַליין א.א. עס איז געווען אַ פייערלעכער אָוונט.

## געזעגענונגס-אָוונט לכבוד מאָטל הילסבערג

צו זיין אָפּפאָרן צוריק קיין מדינת־ישראל נאָכן גאַסטראָלירן ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן, האָט דער פאַריין „פריינט פון יידיש־לשון" אָרגאַניזירט אַ געזעגענונגס־אָוונט פאַר מאָטל הילסבערג.

אַ גרויסער עולם איז געקומען זיך באַטייליקן אין אָט דער דאָזיקער שמחה, ווייל מאָטל הילסבערג האָט אונז געוויזן, אַז ער געהערט צו יענע אַקטיאָרן, וואָס האָבן באמת אַ חוש פאַרן בעסערן יידישן טעאַטער.

אונטערן פאָרזיץ פון א. נ. שטענצל האָבן גענומען אַ וואָרט: י. ביעטש, אין נאָמען פון פאַריין „פון פריינט פון יידיש־לשון"; בן־א. סאָכאַטשעווסקי, רעדאַקטאָר פון „די יידישע שטימע".

אינם קאָנצערט־טייל פון אָוונט איז מאָטל הילסבערג געווען דער ערשטער מהנה צו זיין דעם עולם מיט זינגען „מלכהלע". דערנאָך זענען אויפגעטרעטן מיט מוזיקאַלישע נומערן סיבל דזשאנס און סידני מען. עלען ווינאגראד און סעם גאָלדבערג האָבן פיין אַמוזירט די פאַרזאַמלטע מיט אַ קראַנץ פאָלקסלידער. מאקס איציקאָוויטש האָט געזונגען „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען". הערמאַן טוניס האָט זיך באַטייליקט מיט אַ וואָרט צום גאַסט. אויך אַזוי מאַקס בוים.

צום סוף האָבן מאקס איציקאָוויטש און מארדזשי שערמאַן נאָך געזונגען אַ דועט פון שולמית. אַ גייסטרייכער און הערלעכער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ געזעגענונגס־וואָרט פון מאָטל הילסבערג אַליין, וועלכער האָט געדאַנקט דעם רעדאַקטאָר בן־א. סאָכאַטשעווסקי, די „דזשואיש קראָניקל", „לשון און לעבן" און אַלע פריינט, וואָס האָבן אים דערמוטיקט צו שפּילן ווייטער קלאַסישע פּיעסן פון יידישן רעפּערטואַר.

נעט רובין

סוף־חודש זונטאגס

**בן אורי,** 14 פאָרטמאַן סטריט, וו.1.

**זונטאג, דעם 27־טן יוני, 8 אַזייגער**

## דעם אנדענקן פון נחום באמזע, שמערקע קאטשערגינסקי און י. י. סיגאל

עס וועלן רעדן: י. א. ליסקי און מ. מינדעל

לייענען און רעציטירן: זעליג עפעלבוים, נעט רובין.

פאָריזך: א. נ. שטענצל.

---

**משה דאָמב** גרייט צו צום דרוק צוויי ביכער דערציילונגען א. נ.: „צעבראָכענע מענטשן״, עסייען „וועגן יעדן און אַלעמען״.

---

## רעדאקציע נאטיץ

דער אַרטיקל פון יוסף פרענקל א.א. אין קומענדיקן נומער. אויך די לאָנדאָנער קולטור־ידיעות. איבער טעכנישע און מאַטעריעלע שוועריקייטן פאַרשפּעטיקן מיר אַביסל מיטן דערשיינען פונם זשורנאַל היינטיקן חודש. דער קומענדיקער „לשון און לעבן״ וועט זיין אַ פאַרגרעסערטער און ער וועט זיין אַ טאָפל נומער יולי־אויגוסט.


**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**



*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*


170

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־8 (העפט 174־5) פופצנטער יאָרגאַנג יולי־אויגוסט 1954 לאָנדאָן


אינהאַלט:


בין המצרים .......... •• 1

ר׳ מאירל (דערציילונג) .......... אסתר קרייטמאַן 3

צוויי עפּיזאָדן מיט דער שרייבערין אסתר קרייטמאַן .......... אייזיק גאָלדבערג 12

ווען דער ליבער זומער קומט (לידער) .......... י. ה. לעווי 14

עס לאַכט זיך נישט מער... (פעליעטאָן) .......... קייטי בראון 16

שפּיל פאַר מיר, דער סוד (לידער) .......... בן־א. סאָכאַטשעווסקי 19

נאָך וואָס מ׳ברויך די נאַכט, מלאכים, אַ רעפּעראַט איבער אייער (פון בוך „פּאמאכעט דער כעלעמער פּאָעט״) .......... שמואל וווהייט 21

מאַלינא (דערציילונג) .......... משה דאָמב 24

שיחות חיות ועופות (באַלאַדעס, לידער און משלים) .......... א. נ. שטענצל 31

העלענא פראַנק (די פּרץ און ביאַליק איבערזעצערין) .......... יוסף פרענקעל 38

פונם יידישן ישוב אין פראַנקרייך (רעצענזיע) .......... י. א. ליסקי 41

לאַנדסמאַנשאַפטן (אַן איבערבליק) .......... ס. עלשטיין 44

די אַרבעט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, דער יידישער וועלט קאָנגרעס און זיין טעטיקייט (באַריכטן) .......... משה בעקערמאַן 46

מר. באַרנעט באַנקס׳ (נעקראָלאָג) .......... יעקב טיילאָר 48

מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס .......... 48


**פרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אַבאָנענט־פּרייז — 19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד — 5 דאָלאַר אַ יאָר**


אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

“LOSHN UN LEBN,” 17 DELAMARE BUILDINGS,

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND